STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06321

LIDER FUN A VAGABUND

Ezekiel Brownstone

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל א. מ. בראנשטיין

לידער פון א וואגאבונד

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא

פון זעלבן מחבר: —

„פון דער פרעמד" (לידער און פּאָעמען), לאָס אַנדזשעלעס, קאַלי־
פּאָרניע, 1929.

„וואַגאַבונדיאַדע" (פּאָעמען און לידער), פארלאג מ. צעשינסקי,
שיקאַגאָ, 1935.

גרייט צום דרוק: —

„אימפּרעסיעס פון אַ לייענער" (עסייען און איינדרוקן פון ביכער).

„צווישנפעלקערלאכע מעשה'ס" (מעשה'ס און לעגענדעס).

Lieder Fun A Vagabund

Copyright 1940, by
EZEKIEL A. M. BROWNSTONE
Los Angeles, Calif.
Printed in U. S. A.

M. CESHINSKY, Ppblisher
2720 West Division Street
Chicago, Illinois

לידער פון אַ וואַגאַבונד

לידער און פּאָעמען

מיין פרוי—יהודית'ן.

א י נ ה אַ ל ט :

(א)

צווישן טאָג און נאַכט — — — — — — 5—28

(ב)

לידער פון אַ וואַגאַבונד — — — — — 31—66

(ג)

אָן אַ נאָמען — — — — — — — — 69—100

(ד)

פון פרעמדע קוואַלן — — — — — — 103—128

צווישן טאָג און נאַכט

(אינהאַלט)

צווישן טאָג און נאַכט

צו א נייער וועלט

איך וויל דיר וועלט

דער שאָטן

דער מענטש

דאָס געוויין פון געלער לאַטע

דער קרעציקער משיח

פון אונדזערע טעג

דער סקעלעטן־טאַנץ

יאָן

משיח

דער גייסט פון דעם עבר

פאר צוויי, פאר צוויי

ווי א בוים אין ווינט

איך וויל שוין מער

טעג

אויף מיינע פעלדער

דאָס ליד פון אן ארבעטלאָזן

צווישן טאָג און נאַכט

מיין דמיון וואַכט אין השמשות
ווי דאָס אויג פון גאָט אין זיין באַשאַף;
באָם בלייכן שיין פון אָוונט-שטערן
ברען איך ווי דער סנה, און גאַף, און גאַף.

מיין אויער פאַרנעמט דאָס געוויין פון פאָלק
וואָס גליווערט מיין בלוט אין מיין געביין;
עס וואַקסט די שטילקייט און איך מיט איר,
כ'בין אייביק — ווי גאָט, אין אַלץ — אליין . . .

דער אָוונט מיניעט זיך באַשיידן
און שוויגט-אוים אין שטערן-ליכט זיין ליד ;
כ'הער גאָט אליין אין שוויגן ריידן,
פאַרנעם איך אַלץ און שוויג מיט אים מיט.

צו א נייער וועלט

באַ די שוועלן פון דער אייביקייט, מיין האַר,
שטיי איך אין מיין לייוונט-העמד ביז אין האלדז אין בלוט
קעגן דער שקיעה, ווי אַ נאַר —
און איך וואַרט אויף דעם באַשייד
פון מיין גורל, דיין גזר —
און איך וואַרט אויף דער פרייד,
אויף מיין גרויסן שכר —
פאַר דיליידן פון מיין פאָלק,
מיין באַנייטן צער.

דער בין השמשות טונקלט-אויף מיט נאַכט
און צינדט אין מיינע אויגן אָן א פייער ;
די נויט האָט מיך געטריבן,
צו דיר אַהער געבראַכט —
שטיי איך דאָ געדולדיק, און איך וואַרט
אויף דעם אָנזאָג פון א זון א נייער ;
און איך זע, און איך אַן,
און איך פיבער און איך שפּיר
דעם נס פון געשען, אינזיך אליין — אין דיר —
און מיט הייסע טריט איך שפּאַן, איך שפּאַן
צו אַ נייער וועלט אַ פרייער.

איך וויל דיר וועלט קיין „גוטע נאַכט" ניט זאָגן *)

זע, קין : —
אינדרויסן שיינט איצט העל די זון,
און מיין יידיש בלוט אין מיר
קוועלט אזוי פון איר דאָ אָן —
איך וויל דיר וועלט קיין „גוטע נאַכט" ניט זאָגן !

דער מענטש אין מיר, דער „איך" וואָס וואַכט —
דער ייד אין מיר האָט פיינט די נאַכט !

איך בין נאָך גרייט זיך ראַנגלען דאָ
מיט דיין בייז-און-ווילדן גאָט,
דער וואָס שפּייט אויף מיר און לאַכט
פון מיין כח און מיין מוט ;
פון מיין אייביקן געראַנגל
פאַר דעם קיום פון מיין יידיש בלוט !

---

*) אַן ענטפער אויף דעם ליד „אַ גוטע נאַכט דיר וועלט", פון יעקב גלאטשטיין.

זע, קין: —
אַלע טאָג שטײ איך אויף מיט אַ געזאַנג אין מײן געביין,
און איך לײטער מיט מײן בלוט
דאָס גאולה-געוויין
פון פעלקער און פון ראַסן,
וואָס פאַרמעסטן זיך אויף מיר
מיט אַ געקריץ פון צײן,
אַ פאַרכלינען זיך פון האַסן —
און איך   ב ל י י ב,   ווי געווען —
און איך בלי און איך וואַקס
תמימות׳דיק און שײן;
און אײביק, אײביק לויכט איך ווי די זון
אין איר חנ׳עוודיק פאַרגײן;
אײביק —
אײביק גײ איך אונטער און קום ווידער אויף,
צי דו ווילסט, צי נײן —
און ווי תמיד וועל איך איצטער
איבערלעבן דײן געביין.

זע, קין: —
פון דעם בלוט פון מײנע אויגן
וואָס איך הייליק יעדן טאָג,
העלן-אויף ווי רעגנבויגן
מײנע אוצרות וואָס איך טראָג
אין מײן בלוט, אין מײן געביין —
און איך שאַל און איך זאָג:
עס וועלן מײנע אויגן דאָ נאָך זען
אַ וועלט פון כולו טאָג!

איך וויל דיר וועלט קײן „גוטע נאַכט״ ניט זאָגן!

דער שאָטן

דעם ליכטיקן אָנדענק פון אברהם (וואָלט) ליעסין

עס וועקט מיך אַ שאָטן — די אומרו — פון שלאָף:
דיין לעבן זאָל זיין דיר אַ לאַסט און אַ שטראָף;

זאָלסט זען ווי עס בלוטיקט דיין אומה, דיין גאָט —
און ווערט ווי אַ וואָרים צוטראָטן מיט שפּאָט,

און דו זאָלסט צום אומגליק נישט האָבן דאָס גליק
צו טיילן דעם גורל פון ברידער אויף שטריק . . .

און דו זאָלסט אַ שטומער פאַרנעמען ס׳געוויין
פון זקנים און קינדער, און קריצן די ציין

אויף אייגענעם גורל — אויף גורל פון ייד,
וואָס לעבט בעל־כרחו, ווי גלגול פון ליד

וואָס האָט אויפגעמאָרגנט אין וויטן אַמאָל,
און ליכטיקט אָן אויפהער אריבער צומאָל

דעם חשך פון צייטן, פון שלעכטע — אָן סוף,
און ברענט ווי דער דאָרן אין מדבר ארויף

צום הימל צום בלויען און ברענט זיך נישט אויס,
און שטייגט אין זיין פאַלן צו אַלץ וואָס איז גרויס.

דער מענטש וואָס איז צום יושר טוב

דער מענטש האָט זיך אויסגעטאָן
פון זיין ליבשאַפט צו זיין חבר,
מיט שנאה זיך באַוואָפנט
און דעם מענטש אינזיך פאַרראַטן,
ווי ער וואָלט פון וואַלד געקומען —
נישט פון מאַמען און קיין טאַטען !

דער מענטש האָט זיך אויסגעטאָן
פון דעם בילד פון זיין באַשעפער,
אין א פעל אריינגעקראָכן
און מיט נעגל זיך באַוואָקסן :
— וואָס מיר פליכט און ווער מיר יאָכן,
איך בין האַר און ווייטער — גאָרניט !

דער מענטש האָט זיך פאַרכלינעט
מיט דעם כח פון די פויסטן,
מיט גבורה זיך פאַרמאָסטן
קעגן גאָט — קעגן זיך־אַליין !
און אָן זין צום שקר זיך פאַרברידערט,
זיך פאַר׳משכונ׳ט צו דער רשעות . . .

ס׳האָט קין זיך פאַרמאָסטן
מיט רציחה אויף זיין ברודער,
און שפּאַנט ווי אַ רוצח
מיט אַ דובינע אין דער האַנט :
— זאָל קיינער נישט וואַגן זיך שטעלן אַנטקעגן ! —
ברענט ער מיט צאָרן, שפּאַנט און שפּאַנט

ווי א ווילד־ווילדע חיה,
איבער לעבנס נישט־דערלעבטע —
אין א געיעג נאָך רויב
און נאָך גליקן נישט געאַנטע ;
ער שטילט זיין דורשט מיט בלוט און טרערן,
דער מענטש וואָס איז צום יושר טויב.

דאָס געוויין פון געלער לאַטע

דאָס געוויין פון געלער לאַטע —
אַ „לעבן" פון כולו נאַכט ;
דער צער און לאַסט פון שמאַטע,
ניט פאַר דיר — פאַר קיינעם געדאַכט . . .

אַ לויפן פון טאָג־ליכט אָן זין,
פאַרוואָרלאָזט און נאַקעט — גאָט !
געטריבן אין גיהנם לובלין
פון מערדער, צו שאַנד און צו שפּאָט . . .

צו טראָגן בעל כרחו, איך זאָג —
אין אַ וועלט פון רשעות, היינט —
די געלע לאַטע, איז חוץ א פּלאָג
אויך צייכן וואָס וואָרנט פיינט

מיט חשבון פאַר טויטע פאָטערס,
און זיידעס און באָבעס, גלויב —
מיט חשבון פאַר טויטע מוטערס,
פאַר זויגלינגס, און אויך פאַר רויב . . .

פאַר אַלע פארברעכנס און זינד,
פאַר שענדן גאָט דיין נאָמען ! —
וואָרנט איצט די געלע לאַטע
מיט חשבון, וואָס מוז קומען —

און ברענט־אויס מיט בלוט און געוויין
דעם שטרענגן איינציקן גזר :
צו צאָלן מיט צאָן פאַר אַ צאָן,
צו קריגן פארדינטן שכר.

דער קרעציקער משיח

איך פלעג אים תמיד טרעפן אויף די וועגן,
באַם אויפבליץ פון שטערן אונטער א בריק ;
ער איז אָפט מיט גאָט דאָרט אליין געלעגן
אין רינשטאָק, געחלומט פון לויטער גליק . . .

ס׳האָט נויט אים געבייטשט, מיט הונגער געטריבן,
זיין מאַרך געצונדן מיט זעאונג פון רו,
ביז ער האָט ענדליך אין שטאָט זיך פארקליבן —
א פחדן געוואָרן, ווי איך און ווי דו ! . . .

איצט זע איך אים אָפט אין שטאָט־ביבליאָטעק —
אָן אָפּענע וואונד דעם טאָג אנטקעגן ;
דער קרעציקער משיח ליגט ווי אַ פלעק
איבער אַלע דיינע שענסטע וועגן . . .

עס נעפּלט זיך זיין גייסט דאַ איבער א בוך,
צום גרויסן וואונדער פון די באזוכער ;
ער לאָזט זיך הערן מיט זיין שנאָרך און גערוך,
דער ווייט־און־פרעמדער מאָדערנער בחור.

זיין קרעציק לייב קוקט צו אַלעמען ארוים
מיט חוזק, דערמאָנונג אָן בייז־וואונדער :
— ס׳איז מיין יעדע וואונד א לבנה די גרויס,
א צירונג פאַר יעדן פון אייך באַזונדער . . .

עס באַוועגט זיך זיין קאָפּ אראָפּ־און־ארויף
אין א פראָצעס פון מאָדנע גרימאַסן,
זיינע הענט באַוועגן זיך אין א געלויף,
צו דעם חוזק פון מענטשן וואָס שפּאַסן —

איבער זיין לייב מיט צעיאַטערטע וואונדן,
אין ברודיקע שמאַטעס איינגעהילטע —
איבער א טיש, אַ גרויסן און א רונדן —
צווישן שאַפעס מיט ביכער איבערפולטע.

עס חוזק'ט די זון אויס א ליד אויף זיין פּנים,
שמייכלט ער צופרידן אין זיין דרימל ;
אים דוכט זיך ער רוט איצט אזוי אין גן עדן
אונטער א צעזונטן בלויען הימל.

דערוויל שלאָגט אָפּ זיין קאָפּ דאָס בוך אויף דעם טיש,
בלייבט ער פארוואונדערט מיט אן אָפן מויל ;
אים דוכט אז ער הערט דעם געוויין פון קאַנאָן,
עס בריט אים אין האַלדז דעם שונא'ס א קויל . . .

דער קרעציקער משיח ציטערט דאָ אויף,
ער כאַפּט זיך צו זיין היטל מיט לעכער ;
ער דרימלט נאָך איין — אויף א סעקונדע נאָר —
און שפירט דאָס געוויין פון מענטשן, העכער . . .

זיין געבויגענער רוקן גלייכט זיך דאָ אויס,
און זיין פּנים רויטלט-אויף באַשיידן ;
ער שטעלט זיך דאָ אוועק אין זיין פולער גרויס,
און מיידט אויס צו עמיצן צו ריידן.

ער פאַרמאַכט דאָס בוך און לאָזט זיך צו דער טיר,
מיט שטילע טריט פון צולעכערטע שיך ;
ער וואַרפט אויף אַלץ אַ דורכזיכטיקן בליק,
איילט אוועק צום אין-סוף אויף גיך, אויף גיך . . .

פון אונדזערע טעג

גיב הער די האַנט,
קום מיט מיר און זע
ווי דאָס לעבן שפּאַנט
איבער חורבות ;
קום מיט מיר און זע
ווי עס בליט דער טויט מיט נייעם אָנהויב
איבער קברים אָפענע,
איבער קברים ערשט פאַרזייטע —
צווישן זקנים צאַפּלדיקע, קינדער אין די וויגן —
פון דער נויט צוריבענע
און מיט בלוט גענערטע,
געשוואָלענע פון הונגער
און פאַרצערטע —
אין א וועלט פון כולו ליגן ! . . .

קום הער און באַנעם
דאָס געשטאַנק פון גלידער,
זעטיק זיך און ניט פאַרשעם
דאָס וואָס איז דיר שוין דערווידער —
און מיט דעם בלוט פון דיין געביין
וויין אוים ווי אַ הונט אין דער נאַכט
דיינע איכה־לידער . . .

דער סקעלעטן־טאַנץ

טיק א־טעק, אַ טאַק.
טיק א־טעק, אַ טאַק.
מיר טאַנצן ארויף,
מיר טאַנצן אראָפּ ;
סקעלעטן־געלויף —
דאָס געזאַנג פון גרוב.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.

עס שווינדן די טעג
מיט חשך אַוועק,
ס׳איז אונדזער געיעג
אין נאַכטיקן וועג.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.

מיר לאַכן מיט וויים
פון סקעלעט און ביין ;
מיר בריען מיט אייז
דאָס לעבן אליין . . .
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.

מיר טאַנצן אָן רייד
דאָס לעצטע געטאַנץ ;
פון דורות די קייט,
פון לעבן די קראַנץ.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.

מיר גייען פאַראויס
דער זעאונג פון גאָט ;
ס׳איז קיינער ניט גרויס,
דער סוד נישט קיין סוד.
טיק־אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק־אַ־טעק, אַ־טאַק.

מיר זיינען ס׳געלאַך
פון לעצטן געלעכטער ;
דער טויט מאַכט אונדז גלייך
און בלייבט דער גערעכטער.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.

פאַר אונדז איז פאַרשפּאַרט
דער וועג אויף צוריק ;
ס׳האָט גאָט אונדז גענאַרט —
צושטערט אונדזער גליק . . .
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.

טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
מיר טאַנצן דעם סוף
פון יעדן אָנהויב ;
דער טאַנץ פון דעם סוף —
דער זין פון אָנהויב . . .
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.
טיק אַ־טעק, אַ־טאַק.

יאַן

(א)

ס׳האָט יאַן אָנגעטראָפן דעם טויט אויף די וועגן,
וואָס איז אומגעריכט אים געקומען אַנטקעגן
אויף אַ שווארצן וואָגן אין אַ שווארצן געשפּאַן —
און אים אָן רייד דערמאָנט, אז טויט איז דאָ — פּ אַ ר אַ ן ! . . .

ס׳איז יאַן ווי פארשטיינערט אין דער זון געבליבן
און האָט אין זיין געמיט אין שווייגן פארשריבן :
ס׳איז דער טויט היינט געקומען צו מיר דאָ צוגאַסט,
גע׳חוזק׳ט פון דעם לעבן און פון מיר געשפּאַסט . . .

(ב)

ס׳האָט יאַן זיך גע׳חבר׳ט מיט בוימער און שטיינער,
פארשטאַנען זייער לשון — פאַרשטאַנען ווי קיינער ;
בריטפליציק זיך תמיד געטראָגן אויף וועגן,
און קיינמאָל בא קיינעם ניט געדארפט גאָר פרעגן

אויף שטעט און אויף דערפער, אויף ווייט־אומבאַקאַנטע —
פון אים אויסגעבענקטע, פון אים בלויז געאַנטע.
ס׳האָט יאַן זיך געטראָגן מיט אימפּעט מיט גרויסן —
די פרייד פון דעם לעבן, פון אָפענעם דרויסן.

(ג)

דער מדבר האָט יאַנ׳ען גערופן, געצויגן —
אַ מיידל מיט אָפענע זוניקע אויגן.
האָט יאַן אין דעם מדבר זיך גערן געלאָזן
פון ווינטן פון הייסע פאַריאָגן, פאַרבלאָזן

פון היימישן לעבן, פון שטאָטישע גאַסן ;
פון מענטשן וואָס פלאַפּלען פון יחוס פון ראַסן
און מאָרדן און שענדן וואָס היילִיק, וואָס טייער,
און שפּילן זיך אייביק אין געטער — מיט פייער . . .

(ד)

ס׳האָט יאָן אין דעם מדבר אויפסניי זיך געפונען
און דאָ ערשט גע׳חלום׳ט פון אחרית הימים,
ווען מענטש וועט אין מענטשן אליין זיך דערקענען,
דעם מענטש אין דעם מענטשן שוין מער ניט פאַרשעמען . . .

און הייליק וועט ווערן דאָס לעבן געהאַלטן,
פאַרגעסן אויף אייביק און תמיד פאַרשאָלטן
די רשעות פון נעכטן, — פון אַלע אמאָל׳ן —
דאָס לעבן וועט לעבן אַ לעבן אַ פולן . . .

(ה)

ס׳האָט יאָן פון די קוואַלן פון שיינקייט געטרונקען,
די שיינקייט מיט שכל און רייץ אויסגעפונקען —
און אָפּט צו דער שיינקייט פון וואָרט זיך דערהויבן,
וואָס האָט ווי פאַרגעטערט אין מענטשן דעם גלויבן . . .

און יאָן האָט געפּערלט מיט תפילות אין לידער,
און יאָן האָט דערהויבן דאָס וואָרט פון דער נידער —
וואָס האָבן דעם מענטש אין דעם מענטשן באַזונגען,
זיין רום און זיין גרויסקייט מיט ליבשאַפט צעקלונגען.

(ו)

ס׳האָט יאָן אויף אַ שטיין, אויף אַ באַרג זיך פאַרקליבן
און דאָרט מיט זיין עלנט אין מדבר פאַרבליבן.
דער ווינט האָט מיט זון אויף זיין פנים פאַרשריבן,
אַז יאָן האָט אין מדבר אַליין זיך פאַרטריבן. —

ס׳האָט יאָן צו דעם שטיין זיך פאַראייגנט, פאַרברידערט —
אין אָוונט אפילו צו אים אויך גענידערט —
און דאָרטן אין תמימות זיין ליד אויסגעהאַמערט,
דאָס ליד פון זיין עלנט אין שטיין איינגעקלאַמערט.

משיח

משיח גייט ארום צווישן אונדז — אליין,
כאָטש קיינער פון מיין דור האָט אים ניט געזען . . .

אַלע טאָג, אַלע טאָג, ווען די זון פאַרגייט —
מיט געזאַנג און געבעט שפאַנט ער און ער גייט

צווישן אונדז דאָ אַרום, ווי אַ ליכט פאַראויס —
מיט זיין פרייד און אומעט, אין זיין פולער גרויס.

און קיינער פון מיין דור, ניט ער אַנט און זעט,
און קיינער פון מיין דור, גייט ניט מיט און הערט

די רייד פון משיח, וואָס גייט דאָ ארום
און ווערט ניט פאַרשטאַנען ווי סתם א בעל מום . . .

דער גייסט פון דעם עבר

דעם אָנדענק פון בינה צעשינסקי

דער גייסט פון דעם עבר שוועבט אום א פאַרשוועכטער,
און קוקט ווי פארוואונדערט אויף אלץ זיך ארום:
— עס טאָגט דאָ ווי תמיד און ס'ברויזט דאָ מיט לעבן,
כאָטש איך בין, ווי תמיד — דערזעלבער בעל מום . . .

איך רייד מיט דעם לשון פון ביכער פארשטויבטע,
וואָס זיינען די עדות פון ווייטן אמאָל;
איך טראָג זיך מיט כח אריבער די הויכן,
וואָס קוקן פארטראַכטע ארונטער צום טאָל.

דער טאָל איז צומאָל דאָ געוועזן מיין אָנלען,
וואָס האָט מיך באַפליגלט מיט זעאונג פון צייט;
ערשט נעכטן געוועזן דאָ דער צענטער פון שטורם,
און היינט, כאָטש אַ נאָענטער — בין ווייטער פון ווייט . . .

עס פעלשן דאָ אָפט מיך די פאַלשע נביאים,
וואָס ריידן אין נאָמען אין מיינעם דאָ אָפט;
דאָס גוטע און גרויסע אויף קליינגעלט זיי בייטן,
און דער וואָס גערעכט איז פון זיי ווערט באַשטראָפט.

ס'איז פיינליך פונוויטנס זיך זען א געשענדטן,
אין נאָמען פון אמת וואָס גייט אָפּ מיט בלוט;
דער תליון וועט קיינמאָל ניט זיין דער גערעכטער,
ווייל לעבן איז הייליק און הייליק איז בלוט!

דער אמת וועט דאָ זיך צומאָל נאָך באַווייזן,
און שטאָלץ פראָקלאַמירן דעם זין פון זיין מאַכט:
זאָל לעבן דאָס לעבן, ווייל הייליק איז לעבן! —
דער שקר זאָל ווערן מיט עקל פאַראַכט! . . .

פאר צוויי, פאַר צוויי

אויף וועגן אומבאַקאַנטע,
אין אַ לאַנד פון לויטער וואָר —
גייט ארום דאָס לאַנג געאַנטע
גליק פון מיין פאַרשוועכטן דור.

עס בלויען דאָרט די הימלען
מיט אַן אָנזאָג אויף גענאָד,
קעגן שקר וואָס גרויסט זיך
איבער אלעמען מיט שפּאָט.

עס רייפן דאָרט די פעלדער
מיט ברויט און ווייַנען אלערליי,
און בעטן שטייען גרייטע
אלעמאָל פאַר צוויי, פאַר צוויי . . .

ווי א בוים אין ווינט

איך וועל מיינע אוצרות זאַמלען
אין דער אָוונט-זון אליין,
איך וועל מיין לעצטע תפילה שטאַמלען
ווי די זון אין איר פארגיין.

איך וועל זיך מיט מיין גאָט באַהעפטן
ווי א טאַטע מיט אַ קינד,
און אז די שעה וועט שלאָגן וועל איך
פאַלן, ווי א בוים אין ווינט.

איך וויל שווייַגן מער —

איך וויל שווייַגן מער צו קיינעם איצט ניט בעטן,
כ׳קען ניט וויינען אויף אַ קול !
דער וואָס לאָזט זיך ווי אַ וואָרים זיך צוטרעטן —
דער רייסט קריעה פון אַמאָל !

איך בין שוין מיד פון תמיד זיין געדרעכטער
אין אַ וועלט פון מאָרד און רויב,
אַז אָדם־נאַקעט שטיי איך אַ פאַרשוועכטער,
קען איך מער ניט זאָגן: גלויב.

אַז שנאה דריקט און שטיקט פון אַלע זייטן,
מיין פאָלק בלוטיקט אומעטום ! —
קען איך אויף מיין מוט שוין מער ניט רייטן,
און איך בלוטיק און איך שטום — — —

ט ע ג

טעג, ווי פייגל — קומען אָפּט צו מיר צו פליען,
און מאָנען דעם באַשייד פון מיין געזאַנג;
מיין האַרץ שלאָגט-אויף און די אויגן מיינע גליען
באַם אויפבלי פון טעג, פאַרגעסענע פון לאַנג.

אין גאָרטן שטייט אַ בוים. אויף אַ צווייג הענגט אַ טאָג.
מיין לעבן שטייט געבויגן אין דרייען :
— ס'איז אַלץ שוין פאַרפאַלן, דו הערסט וואָס איך זאָג ?
דיר איז מער ניט באַשערט זיך באַנייען . . .

באַ אַן אָפּענעם גרוב ליגט אַ טאָג אויסגעצויגן,
און וואַרט פאַרגליווערט אויף רידל מיט ערד.
עס בלוטיקט מיין לעבן מיט פאַרגאָסענע אויגן :
— דיין גורל צו טיילן איז מיר אויך באַשערט . . .

אויף מיינע פעלדער

אויף מיינע פעלדער בליט דער טויט
מיט אָנזאָג אויף נייעם לעבן.
דער הימל איבער מיר זיך בלויט
מיט חסד און פאַרגעבן.

אין מיינע וועלדער בייטשט דער ווינט
מיט חוצפּה, און געדולדיק
דאָס לעבן שענדעט מיך און שינדט
פון מיר די הויט, קאַלט און רואיק.

אויף מיינע וועגן רייט די שולד
איבער מיר און מיין געביין,
און כאָטש איך בלוטיק מיט געדולד,
בלייבט טויב די וועלט צו מיין געוויין. —

אויף מיינע פעלדער בליט דער טויט
מיט אָנזאָג אויף נייעם לעבן.
דער הימל איבער מיר זיך בלויט
מיט חסד און פאַרגעבן.

דאָס ליד פון אן ארבעטלאָזן מענטשן

דאָס לעבן גייט ארום אָן שיך און זאָקן,
מיט אויגן אויפגעריסענע און אַ פינצטערן געמיט —
און זוכט אַן אָנלען אָן אַ ברויט פון קאָרן,
וואָס וויגט זיך ווי אין חלום אויף אַ צעזונטן פעלד
אין דיין וואַכן און צוהעלטן זכרון . . .

עס גייען דיינע טעג אַוועק מיט דעם ווינט
און ראַמען אָפּ דעם וועג פאַר דעם חשך פון דער נאַכט ;
עס לויפט דיר נאָך דאָס געוויין פון אַן הונגעריק קינד,
דער קרעכץ פון דיין מאַמען וואָס זיפצט איצט פאַרשמאַכט
און וויינט אויף דיין גורל וואָס האָט דיך פאַרלאַכט . . .

ס׳האָט דאָס לעבן זיך פארהויקערט אין זיין גאַנג באַרג-אַראָפּ
און הילפלאָז פאַרבליבן אין דעם וועג אַליין,
קעגנאיבער דעם אָפּגאַנג פון א ווייטן חלום
וואָס טראָגט זיך ווי אַן עכאָ איבער א גרוב,
און וויינט מיט בלוט איצט אַראָפּ פון דיין געביין . . .

לידער פון אַ וואַגאַבונד

(אינהאַלט)

דער באַגינען

די אָקטאָבער־זון

יאַנע

אויף די פעלדער

מדבר

איך פאָר קיין לאָס וועיגעס

דער טאָג

צווישן טאָג און נאַכט

אין א טוריסטן־קעמפּ באַנאַכט

„העללעלויא — אי׳ם א באָם.״

אין זון

„גלאָרי, גלאָרי, האללעלויא.״

די אָקטאָבער־זון

„איי׳ם גאָאינג טו ביעווער.״

געזאַנג פון גרינע שויטן

דעטור

אונטער א קויטיקן ברעזענט

זונטיק אין וועג

אויף די וועגן פון יוטאַ

דער מאַשין

ראקספרינגז

דער ווינט

די בערג

אנטקעגן דעם מזרח

יאַן און יאַנע

דער באַגינען

דער באַגינען האָט דיר אויפגעמאַכט די אויגן,
און דו, אַזאַ בראַווער — ביסט אויפגעשפּרונגען ווי אַ האָז
און אין איילעניש פון בעט אַרונטער.
און דו, אַזאַ גרויסער -- מיט פרייד אין די אויגן —
האָסט אין איילעניש באַגריסט דעם יונגן פרימאָרגן.

דיין פרייד האָט ווי די זון אין מזרח מיט רייץ זיך צושפּילט,
אַנטקעגן דעם אויפהעל פון דעם הארבסטיקן פרימאָרגן —
און דו, אַזאַ פרישער — מיט גלויבן באַזעלט ;
און דו, אזוי ראַשיק — פון זעאונג צוהעלט,
האָסט אויפגעמאַכט די אויגן פון דיין מיידל מיט אַ קוש,
און מיט ליבשאַפט איר פאַרטראָגן צו דעם אָפענעם שליאַך.

די אָקטאָבער־זון

די אָקטאָבער־זון האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעפּל
וואָס האָט איבער די בערג זיך געדרויכערט אין באַגינען,
און נאָך איידער די ערד האָט איר אָנבליק דערשפּירט,
האָט יאַן מיט זיין באַשערטער אין וועג זיך שוין געפונען.

די שטאָט אַהינטער זיי האָט נאָך געדרימלט ווי אין חלום,
און די ברוקירטע וועגן האָבן זיך מיט טוי געגלאַנצט
אַנטקעגן דער פאַרשייטקייט וואָס איז אומגעריכט געקומען
און זאַרגלאַז, מיט פרייד — די מאַשינען אַנטקעגנגעטאַנצט.

יאַן איז אַ פאַרשייטער אין דעם באַגינען געשטאַנען,
און שטיפנדיק מיט יאַנע׳ן האָט ער געהיט דעם פאַרקער :
— מיר וועלן היינט נאָך פאָרן מיט די בעסטע מאַשינען,
סידאָר סיטי מאַכן — אפשר קומען נאָך קיין ביוועך . . .

און אַז די זון האָט זיך צושמייכלט איבער יאַנע׳ס פנים,
דער פאַרקער האָט זיך פאַרגרעסערט מיט אימפּעט און געטומל —
האָבן די בערג זיך גענומען ארויסבלויען פון נעפּל,
קעגנאיבער אַ צעזונטן און צעבלויטן הימל.

יאַנע

אַרום אָנהויב סעפּטעמבער, מיט אַ חודש ערשט צוריק —
האָט יאַנע מיט פּאַטאַס באַ אַ מיטינג נאָך גערעדט,
מיט אַ פּאַרריסן נעזל און הויך אויף אַ קול —
פאַר דער „אינטערנעשיאָנעל לייבאָר דעפּענס.״ — — — —

ס׳האָבן ווייבער היימישע צו איר ארויפגעקוקט,
באַוואונדערט איר מוט און כח פון ריידן —
און ס׳האָט קיינער ניט געאַנט פון איר טרעמפּישן גורל,
וואָס האָט אויף איר געוואַרט אַהינטער זייערע פּלייצעס . . .

און אַז יאַנע האָט זיך פּלוצים פאַרקנאַקט אין אַ בחור
און אַהינטער זיך געלאָזן אַלע בריקן,
האָבן בייזע צינגער אין מיילער זיך גענומען דרייען
און יאַנע׳ן מיט פעדערן באַשטעקט . . .

האָט יאַנע איר גורל אין אירע הענט גענומען
און מיט יאַנ׳ן, אין אָקטאָבער — איבער דעם לאַנד אַוועק.

יאַנע האָט זיך אויסגעפּוצט אין קהאַקי-הויזען,
מיט אַ לעדערנער קורטקע און א רונדן היטל —
און מיט א נעזל אַ פאַרריסנס, ווי באַם מיטינג אויף דער פּלאַזאַ —
מאַרשירט זי איצט מיט יאַנ׳ען צו אַ ווייטן ציל.

אירע אויגן פייערן מיט פריידיקן געלעכטער
צום ריטם פון אירע יונגע און געזונטע פיס,
און אַז יאַנ׳ען געלינגט נאָך אין אַ מאַשין איר צו באַזעצן,
רודערט זי אויף די וועגן מיט אירע געזאַנגען.

אויף די פעלדער

עס שלענגלען זיך די וועגן באַרג־ארויף און באַרג־ארונטער,
וואָס אָטעמען מיט רייפקייט פון אויבסן אַלערליי ;
און כאָטש עס וואַרט ניט קיינער אויף יאַנע׳ן מיט יאַנ׳ן,
יאָגן זיי זיך דוקא מיט אַלעמען אין וועג.

יאַן זיצט איצט לעבן שאופער, אין אַ רחבות׳דיקער אויטאָ —
וואָס רעדט צו אים פאַרביטערט פון דער לאַגע פון זיין לאַנד :
— ס׳איז איצט שווער באַ אונדז צו לעבן, טענה׳ט ער מיט שנאה
און פינגערט אויף די פעלדער מיט זיין לינקער האַנט —

— זעט ווי רייפע מעלאָנס פוילן אויף די פעלדער,
כאָטש מענטשן הונגערן באַ אונדז אין לאַנד א סך ;
ס׳איז די שפע פון די פעלדער פאר קיינעם ניט קיין ברכה —
א ברכה בלויז פאר יענעם, וואָס איז תמיד רייך . . .

און יאַנע שמייכלט אין א ווינקל מיט די אויגן
און גאַפט פון דער קלאָרקייט פון דעם פרעמדנס רייד,
ווי א שטומער עדות וואָס איז מסכים מיט דעם משפט,
מיט דעם משפט פון גערעכטן און זיין באַשייד.

מדבר

דער מדבר נעמט דיך אַרום מיט צעצווייגטע אָרעמס פון קאַקטוסן ווילדע,
וואָס ציען זיך איבער ווייטע שטרעקעס מיט חן.
און די בערג אַקעגנאַיבער — אָטעמען מיט היץ.
און דער וועג אהינטער דיר — בלויט זיך אוועק אין גאייל.

און דאָס וואָס דו האָסט ערשט געזעען,
און דאָס וואָס דו האָסט ערשט אין וועג באַרירט —
לייזט זיך אויף ווי אין חלום, ווי קיינמאָל ניט געווען —
באַם אָנבליק פון שיינקייטן נייע, וואָס קומען־אויף
מיט דער שנעלקייט פון זיך רעדלענדיקע אויטאָס
אויף וועגן אומבאַקאַנטע —
און דו ווערסט א טייל פון דעם מדבר אליין,
פאַראייגנט צום דרויסן, צו קאַקטוס און שטיין . . .

איך פאָר קיין לאַס וועיגעס

באַרסטאָו פּרעגלט זיך אין היץ אינמיטן אָקטאָבער.
טוריסטן יאָגן זיך אין וועג אומגעלומפּערט.
און יאַן זיצט אין זון איצט אהינטער דעם שטעטל,
אין א העמד א צעכראַסטעטס מיט פּאַרקאַשערטע אַרבל —
און האָט הנאה פון טרוקענעם מאָלצייט אין מדבר,
און האָט הנאה פון יאַנע׳ס צעלויכטענעם קאַרענעם פּנים —
און שטעלט אָפּ א מאַשין מיטן ביסן אין מויל,
מיט אַ סענדוויטש אין זיין האַנט דער אויסגעשטרעקטער . . .

— איך פאָר קיין לאַס וועיגעס, רופט זיך אָן דער שאָפער —
אַ ברייט ביינערדיקער בחור מיט זאָרג אין די אויגן —
און עפנט אויף די טיר פון זיין צעהיצטן ביואיק.

יאַנע מאַכט זיך היימיש אין דער גלאַנציקער אויטאָ
און יאַן, לעבן שאָופער — פרעסט נאָך אַלץ אויף ביידע באַקן,
ווי באַ זיין טאַטען אין הויז — געמיטלעך און רואיק . . .

— אין לאַס וועיגעס וואַרט אויף מיר מיין שוועסטער,
צורעדט זיך דער בחור און איז יאַנ׳ען מכבד מיט אַ ציגאַרעט —
פאָר איך איר אַהיים נעמען קיין לאָס אַנדזשעלעס צוריק.

— און מיר פאָרן גלאַט אַזוי, זעען אונדזער לאַנד.
די צייט איז שלעכט, קיין אַרבעט איז ניטאָ —
וועלן מיר אפשר אין דער פרעמד אַ זוך טאָן אונדזער גליק.

— מיר אליין, איז אייגנטליך ניט שלעכט :
מיין פאָטער האַלט מיך אויס,
און אינגיכן וועל איך ווערן אַן אינזשעניר.
איך טראַכט אָבער אַלצאיינס,
אַז די נויט באַ אונדז אין לאַנד איז גרויס
און די גליקן פון מיין פאָטער וואַרטן ניט אויף מיר . . .

— פאַרוואָס דען ניט ? —
פאַלט יאַנע אים פּלוצים אין די רייד אַריין.

— צוליב דעם שוין אַליין,
ענטפערט ער מיט גאַל און מיט פאַרדרוס —
וואָס די חברים מיינע, אַ ל ע ט י ט ו ל י ר ט ע —
ווי טויזנטער פון אַלע פאַכן —
ווערן פון דער נויט פון לאַנג שוין געמאַטערט און פאַרמאַטערט,
שפּאָטן פון מיר שוין אַצינד און זיי לאַכן,
פון מיר און מיין שטודירן ! . . .

— אויב מיר ווילן אָבער אונדזער פאָלק צו קיין אומגליק ניט דערפירן,
אונדזער פרייהייט, אונדזער לאַנד ! —
אויף אייביק פרעזערווירן,
טאָרן מיר פון קיינעם זיך מער ניט לאָזן פירן !

— מיר מוזן זיך פאַרגאַרטלען צום אייגענעם גורל,
געטריבן פון נויטן, געמיינזאמע, קלאָרע ;
מיר מוזן און וועלן באַצווינגען דאָס לעבן,
ווי דיכטער באַצווינגען דאָס וואָרט אין אַ שורה !

דער מדבר האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן אין אַ שווייגן,
דעם גערויש פון מאַשינען אין זיין אינגעווייד פאַרגליווערט —
און יאַן איז מיט יאַנע'ן ווי פאַרזונקען אין אַ תפילה,
מיט אויגן וואָס האָבן זיך מיט טרערן אזש צעשימערט.

די שיינקייט פון דעם מדבר איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן
באַם אָנגעזיכט פון וואָרט, וואָס האָט מיט גבורה זיך צעשטורעמט
אין דעם מויל פון דעם זון פון אַן היימישן פּיליסטער —
וואָס האָט אין דעם מדבר זיין נבואה אויפגעשטורעמט . . .

און אַז זיי האָבן זיך פּלוצים געפונען אין דער שטאָט לאָס וועיגעס,
האָבן יאַנע און יאַן ווי פון חלום דערוואַכט,
דער ברייטביינערדיקער בחור האָט זיך האַרציק מיט זיי צוזעגנט,
און הינטער זיך זיי געלאָזן אין וועג פאַרטראַכט.

דער טאָג

דער טאָג שפּאַנט ארויף-און-אַריבער די הויכקייט פון די בערג,
וואָס בייטן זייער אויסזען אין אַ שפּיל פון קאָלירן ;
עס כּישופ'ט און רופט דיך די רחבות פון דעם אָפענעם וועג,
מיט דעם רייץ פון עשירות דורך אָפענע טירן.

דו שפּאַנסט איצט אַנטקעגן דעם אָוונט מיט זון אויף דעם רוקן,
דו און דיין מיידל — מיט פּעקל אין האַנט, דרייסט און זיכער.
און אז דער ווינט שויבערט-אויף דיינע האָר, מיט חוצפּה — אומגעריכט —
הויבסטו זיך אָן צו איילן און צו שפּאַנען אַלץ גיכער,
ביז דו מידסט זיך איין און נעמסט ווידער אָפּשטעלן דעם טראַפּיק,
אין אַ באַגער דאָ צו קריגן אַ פּאַסיקן מאַשין —
און אזוי פאָרסטו אָפּט אריין אין דער שפּעטקייט פון דעם אָוונט,
צומאָל מיט אַ פערד, א ביואיק און אויך אַ לימאָזין . . .

און אָפּטמאָל בלייבסטו זיצן אין אַן אָפענעם טראָק אונטער א צעבלויטן הימל,
אין אַנגעזיכט פון האָרעפּאַשנע מענשן, מיט פּאַרמאָזאַליעטע הענט ;
דאָס לעבן גרויסט דאָן אויף מיט דער פּשוט'קייט פון היימישן ברויט מיט קימל,
וואָס פאַרגיטיקט דעם שלעכטן זיץ מיט אַ חלום, וואָס פאַרכאַפּט און פאַרבלענדט.

דיין פאָרן ווערט דערהויבן צו אַן היימישן ארויספאָר, וואָס יובל'ט מיט פרייד,
און דו — א מענטש צווישן מענטשן — ווערסט פּלוצים אין דעם וועג באַנייט :
פון אַ גייענדיקן טראָק שאַלסטו צו דער וועלט דיין יום-טוב-גרוס ארונטער,
מיט דער גבורה פון אַ מענטשן וואָס ווערט פון א פרעמדער לאַסט באַפרייט.

צווישן טאָג און נאַכט

דער טאָג האָט אין איילעניש מיט דער וועלט זיך צוקושט,
און פאַרשעמט און פאַררויטלט פאַרזונקען אהינטער די בערג . . .
די באַרג־שפּיצן האָבן דאָס גאָלד פון זיך אראָפּגעווישט,
און די שטילע אָוונט־רו האָט איבער דער ערד זיך צובלויט.

דער מדבר־ווינט האָט זיך צעוויכערט איבער דעם צוגלאַנצטן וועג
וואָס האָט זיך צוגעניצט מיט דעם געלויף פון מאַשינען,
און יאַן איז מיט יאַנע׳ן געפלויגן·ווי אין חלום,
אונטער די טענער פון דזשאַז וואָס די ראַדיאָ האָט זיי אין מאַשין
אַריינגעבראַכט.

באַ דעם רעדל פון דעם פאָרד׳ל זיצט אַ מאַן מיט אַ צעגוידערט פּנים,
רעדלט די ראַדיאָ, פּיפּקעט א ליולקע און שווייגט,
און יאַנע און יאַן קוקן זיך איבער מיט פאַרליבטע בליקן,
און טראַכטן נאָך אַלץ פון די רייד פון דעם ברייט־ביינערדיקן בחור. —

די נאַכט שפּרייט בּיסלאַכווייז אויס אירע פליגל,
און דער הימל שימערט־אויף מיט א גערעטעניש פון שטערן — — —
און אַז סעינט דזשאָרדזש לויכט־אויף מיט אירע טוריסטן־קאַבינען,
באַדאַנקען זיי פאַר דעם פאָרן און פאַרבלייבן דאָרטן גערן.

אין אַ טוריסטן־ קעמפּ באַנאַכט

דער טוריסטן־קעמפּ איז פאַרגאָסן מיט דער מילך פון דער לבנה,
און מידע וואַנדערער זיינען דאָ פאַרנומען מיט אַרבעטן פאַרשידענע:
ווער עס טרייסלט פון זיך אַראָפּ דעם שטויב פון זיינע קליידער,
ווער עס באָדט זיך, ווער עס וואַשט זיך,
ווער עס עסט און ווער עס גרייט ערשט דאָס עסן זיך צו —
יעדער, אָן אויסנאָם —
איז דאָ מיט זיך־אַליין אַצינד פאַרנומען,
און וואַנדערער נייע, פאַרשטויבטע און מידע —
האַלטן נאָך אין קומען און קומען,
אין בענקשאַפט נאָך היימישער רו.

און אָט איז יאַן מיט יאַנע׳ן —
ווי שיכורים וואַקלען זיי זיך אין לבנה־שיין אַריין אין אַ קאַבינע,
און מאַכן זיך היימיש, ווי געניטע אַקטיאָרן אויף אַ פרעמדער בינע.

יאַן ציט אַרויף די שטאָרן און עפנט אויף אַלע פענצטער,
און יאַנע פאַלט אַ מידע אויף דעם בעט אַנידער — — —
יאַן מאַכט זיך גרייט צום גאָלן־זיך און באָדן
און האָט דערווייל הנאה פון דעם שכנ׳ס לידער . . .

אונ אַז דער שכן האָט אויפגעהערט צו זינגען,
האָט יאַן ערשט פאַרצויגן אַ ניגון
אונ יאַנע׳ס שטימע האָט זיך פּלוצים הויך צעקלונגען
אריבער די ברעגן פון דעם אומבאַקאַנטן קעמפּ — — —
אונ אומגעריכט פון זיך אליין
האָבן שטימען אומבאַקאַנטע מיט זיי אויפגעזונגען,
אונ טרעמפּ האָט זיך אזוי באַקאַנט מיט טרעמפּ — — —

יאַנע האָט אין איילעניש געגרייט דעם טיש,
אונ יאַן האָט מיט געזאַנג זיך אַ שפּריץ־באָד גענומען.
אונ אַז זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דעם עסן,
אָן דער מידיגקייט פון וועג אינגאַנצן ווי פאַרגעסן —
זיינען זיי פאַרבליבן בא אַ שכן אין דער קאַבינע,
ועמנס געזאַנג האָט ווי אַ תפילה אין דער נאַכט זיך געצויגן
אַנטקעגן דעם פייער, וואָס האָט העל געפלאַקערט — — —

אונ דאָרט, באַ דעם שכן — האָבן זיי לאַנג פאַרבראַכט ;
מיט לידער פאַרשריגן די שטילקייט פון דער נאַכט,
גערעדט אונ געשטיפט, זיך געקיבעצט אונ הויך געלאַכט.
אונ שפּעטער זיינען זיי אוועק שפּאַצירן,
דעם קעמפּ אויסגעטרעמפּעוועט פון ברעג צו ברעג —
ווי מרגלים זיך געשטאָנט אין דעם מילך־וועג באַנאַכט . . .

HALLELUJAH — I'M A BUM.

א.

דער קעמפּ ליגט פּאַרטייעט אין ליכט איינגעטונקען,
און מענטש און מאַשין רוען באַנאַנד ;
גן עדן אין מדבר פון רייכסטער מדינה,
פּאַר מענטשן פון יעדן שטאַט אין לאַנד.

ס'איז דאָ ברויט געננוג, וואַסער, ליכט, גאַז און בעטן ;
ראַדיאָס, מוזיק, אַלץ וואָס מען באַדאַרף !
נאָר דער וואָס האָט עס אַלץ מיט מי אַהער געבראַכט,
פּרירט אויף די וועגן — איז אָן א דאַך !

ס'שאַרן זיך שאָטנס פון פאַרגעסענע מענטשן
אין לבנה-שיין אַרום באַנאַכט ;
ס'ווערט דיר קלאָר דער חוזק פון דעם „מענטש" וואָס פּירט דיך,
דריקט און שטיקט דיך, שפּאָט פון דיר און לאַכט.

ס'צאָרנט-אויף אין דיר דיין שנאה צו דעם וואָס הערשט,
און די קללה דיינע וועקט דעם מדבר אויף ;
עס ציטערט אַזש אויף באַ דיר אין האַנט דיין מיידל,
און זי לאָזט צו דער קאַבינע זיך אַוועק מיט אַ געלויף . . .

ב.

ס'איז יאַנע איינגעשלאָפן באַ יאַנ'ן אויף דעם שויס,
באַם אָפענעם פענצטער אין לבנה-שיין באַנאַכט —
אונטער דעם איינדרוק פון די טענער פון „האָום אַן די רענטש".
און יאַן איז פאַר'חלומ'ט לעבן איר געבליבן ליגן
מיט אָפענע אויגן, ליכטיק און גרויס —
און לאַנג נאָך געטראַכט פון דעם פאַרגעסענעם מענטש . . .

די נאַכט האָט אים בּיסלאַכווייז די אויגן צוגעמאַכט,
דעם פאַרגעסענעם מענטשן צו חלום אים געבראַכט
אין געשטאַלט פון א יורד וואָס שטומט.
— גיי אַוועק צו דיינע ברידער איבער שטעט און דערפער
און שליידער זייערע נויטן אויף דער גאַס ארויס,
האָט ער ווי אַ לייב פון שלאָף אויפגעברומט.

יאַנע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ קוויטש,
און יאַן האָט אויפסניי איר פאַרצערטלט צום שלאָף —
— און פאָדער און מאָן, האָט זיין האַנט אויפגעפויסט —
און וואָרן די רויבערס מיט ענלאַכער שטראָף — — —

ג.

די מאָרגן־זון האָט יאַנ׳ן אויפגעמאַכט די אויגן,
דעם מזרח אים באַוויזן א צופלאַמטן — — —

יאַן איז ווי אַ האָז פון דעם בעט אראָפּגעשפּרונגען,
אין איילעניש ארייננגעקראָכן אין זיינע סאָלדאַטסקע הויזן —
און צושויבערט און צוכראָסטעט, מיט אַן אָפענער ברוסט
און פאַרקאַשערטע אַרבל — אַרויס אינדרויסן.

דער באַגינען האָט געאָטעמט מיט האַרבסטיקער קעלט,
און דער וועג האָט זיך געזילבערט מיט פראָסטיקן טוי.
און די בערג אַקעגנאיבער האָבן מיט נעפּל גענעצט און גערויכערט,
אַנטקעגן דעם אויפגאַנג פון אַ לייטישן פרימאָרגן. —

ד.

אונטער אַ בריקל, ניט ווייט פון דעם קעמפּ —
זיינען האָבאָס געליגן אין טראַנטעס איינגעהילט
און געשלאָפן די זון וואָס האָט זיי פון שלאָף אויפגעוועקט,
די זון וואָס האָט איר מאָרגן־ליד
אויף זייערע פּנים׳ער אויסגעשפּילט . . .

און אַז יאַן האָט זיך באַוויזן הארט באַ דער בריק,
מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן און זיין ליולקע אין מויל —
האָט איינער פון די האָבאָס אים פאַרהאַלטן מיט אַ בליק,
און אַ שוועבעלע געבעטן באַ דעם אומבאַקאַנטן „באָו".

יאַן איז צו זיי צוגעשפּרונגען ווי אַ וועוויריק אומגעריכט,
מיט זיין טאַבעקע און שוועבעלעך ווי אַ ברודער זיך געטיילט.
און לאַנג איז ער באַ זיי געזעסן, און לאַנג האָט ער מיט זיי פאַרבראַכט,
און מיט זיין היימלאַכקייט ווי אָפּגעווישט די שפּורן פון דער
לעצטער נאַכט . . .

ה.

ס'האָט איינער פון די האָבאָס אַ פייער געמאַכט.
אַ צווייטער האָט וואַסער און שפּענדלעך געבראַכט.
אַ דריטער האָט אַ לאַטע אויף די הויזן זיך געלייגט.
און אַ פערטער האָט זיין פּראָוויאַנט אויף אַ שמאַטע אויסגעלייגט.

און באַלד האָט דער פרימאָרגן אַ „סעודה" געזען,
אַ סעודה ניט פון זאַטע, נאָר פון מענטשן וואָס געווען — — — —

פאַרפוילטע קאָנסערוון אין פאַרזשאַווערטע בלעכלעך,
מיט טרוקענעם ברויט
באַפּוטערט מיט שימל, באַזאַלצן מיט זון —
אונטער דעם בריקל — באַם פלויט ;
אַ סעודה פון מענטשן — פון היימלאָזע מענטשן,
וואָס שטעכן די אויגן פון גלאָבוס מיט קויט . . .

און אַז די האָבאָס זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דער „סעודה" זייערער
און יאַן האָט זיך גענומען איילן אין קעמפּ,
זיינען זיי אַלע ווי איינער מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען
און מיט געזאַנג אים ארויסבאַגלייט אין וועג :

Oh, why don't you work like other men do.

האָט זיך איינער צעזונגען הויך אויף אַ קול —

How the hell can I work when there's no work to do,

האָט אַ צווייטער אים געענטפערט אויף א קול.

און אַלע צוזאמען — אין כאָר מיטאַמאָל :

Hallelujah I'm a Bum. Hallelujah bum again.
Hallelujah give a hand out to revive us again.

אין זון

אז יאַן האָט זיך דערנעענטערט צו דער קאַבינע אין קעמפּ,
איז יאַנע אין זון שוין אין פענצטער געשטאַנען
און מיט געזאַנג אויף די ליפּן און צושמייכלטע אויגן
פונוויטנס געזען שוין איר יאַנ׳עז שפּאַנען
מיט זיכערע טריט און אַן אויפגעלויכטן פּנים.

און אַז יאַן איז ווי אַ ווינט אריין אין דער קאַבינע,
האָט יאַנע מיט פרייד אים אַנטקעגנגעטאַנצט ;
זיי האָבן אין זון זיך פארשויסט אומגעריכט
מיט ליבשאַפט, ווי קינדער מיט פרייד אויפגעגלאַנצט.

ס׳האָט יאַנע אין איילעניש געגרייט דעם טיש,
און יאַן האָט זיך צעזונגען אונטער אַ שפּריץ אַ קאַלטן ;
זיי האָבן זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דעם פּאַקן און עסן,
און אין איילעניש אַוועק דעם מדבר שפּאַלטן . . .

— מיר וועלן היינט נאָך דערגרייכן סאָלט לעיק סיטי,
און שיקאַגאָ וועלן מיר מאַכן אין עטלאַכע טעג —
האָט יאַן אָנגעמוטיקט יאַנע׳ן מיט אַ שמייכל,
און זיי זיינען ביידע אין איילעניש אַוועק אין וועג.

Glory, glory, Hallelujah,

דער וועג האָט זיי באַגעגנט מיט דעם געררויש פון מאַשינען
וואָס האָט זיך געטראָגן אריבער זייערע קעפּ,
און זיי זיינען שטאָלצע אין וועג זיך געגאַנגען
מיט זון אויף די רוקנס, מיט פּעקלעך אין די הענט —
און די ווייטקייט געמאָסטן מיט דורשטיקע בליקן —
וואָס האָבן זיך בליציק געטראָגן איבער בערג און איבער טאָלן,
אין קאָלירן אַלערליי פאַר די אויגן זיך געמאָלן.

ס׳האָט יאַנע זיך געריסן אַן אויטאָ אָפּצושטעלן,
אָבער יאַנ׳ן איז געלונגען א מאַשין צו קריגן.
ס׳איז יאַן — ווי געוויינליך — געבליבן זיצן לעבן שאָופער,
כאָטש יאַנע׳ן איז עס זיכער דאָסמאָל ניט געפעלן
צו זיצן אליין, אהינטער יאַנ׳ן, דעם גרויסן שטיפער —
וואָס ווערט אָפּט מעלאַנכאָליש און רעדט ניט קיין וואָרט —
ביז דער שאָופער האָט זיך פּלוצים ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף
מיט אַ ניגון, וואָס זיי האָבן ביידע אונטערגעכאַפּט :
Glory, glory, Hallelujah,
Glory, glory, Hallelujah,
Glory, glory, Hallelujah,
His soul is marching on!

די אָקטאָבער־זון

די אָקטאָבער־זון חנ׳דלט זיך צום מדבר
מיט דער גלוסטונג פון אַ מיידל א פארליבטער,
און כאָטש זי וואַרימט נאָך און גליט,
און כאָטש זי פייערט נאָך און בריט —
גליווערן בלייערנע וואָלקנס אויף די וועגן איר אַנטקעגן,
איבער די ווייס־פּאַרשפּיצטע בערג אין דעם מדבר —
מיט אָנזאָג אויף קעלט אַנטקעגן אָוונט,
מיט אָנזאָג אויף פראָסט אויף באַנאַכט.

עס בייטן די בערג פונדערווייטנס זייער פּנים,
און די אויטאָס רעדלען זיך ריטמיש אין וועג.
און דער געניטער שאָופער, מר. סטיואַרט — יאַן און יאַנע,
כאַפּן איבער דאָס האַרץ אין דער לויפנדיקער אויטאָ.

און אַז זיי קומען ענדליך אָן קיין סידאַר סיטי,
פונדעווועט זיי סטיואַרט מיט קאַווע און מיט פּאַי
און געזעגנט זיך מיט זיי אויף תמיד — — —
און יאַן מיט יאַנע׳ן לאָזן זיך ווידער אין וועג אַוועק אויפסניי.

I'm going to Beaver. Hurry,—get on!

אַז עס רעדלען זיך מאַשינען אין די הונדערטער אין וועג,
איז פשוט אַ פאַרברעכן צו גיין צופּים . . .
און אַז יאַן גיט אַ צייכן מיט זיין רעכטער האַנט,
ברעכט ער איבער דעם ריטם פון די גייענדיקע אויטאָס
און שטעלט אָפּ דעם טראַפיק מיט דעם כח פון אַ ריז.

ער באַזעצט זיך מיט יאַנע׳ן אין אַ מאַשין,
ער פאָרט־און־קומט־אָן וואוהין ער באַדאַרף ;
ס׳איז דאָס פאָרן אַ פרייד פאַר יאַנע׳ן און אים,
און ער רעדט צו אַ שאָופער קורץ און שאַרף :

— דו פאָרסט קיין ביעווער, פילמאָר, לעוואַן ?

— אַי׳ם גאָאינג טו ביעווער, האָררי — געט אַן !

. . . און יאַנע און ער זיצן שוין אין דעם אויטאָמאָביל.
יאַנע רעדט צום שאָופער און יאַן מעדיטירט אין דער שטיל . . .

געזאַנג פון גרינע שויטן

דער וועג קיין ביוועך האָט לאַנג ניט געדויערט,
און דער מאַן באַ דעם רעדל האָט זייער אַ סך גערעדט.
ס׳האָט יאַן אים אנטליהען יאַנע׳ס אויערן,
און אליין איז ער פארבליבן מיט פֿאַרלייגטע הענט
און אָנגעשטריינגטע אויגן אויף דעם ארומיקן מדבר,
וואָס האָט זיך געבאָדן אין זוניקן ליכט
און געבלענדט מיט שיינקייט פון אַלע זייטן — — —

און אז זיי זיינען ענדליך אָנגעקומען אין דעם שטעטל ביוועך
און דאָרט זיך געזעגנט מיט דעם לעצטן שאָופער,
האָט יאַן זיך פאַר שמחה אין אַ טאַנץ אַוועקגעלאָזט
און אזוי פון זיך דעם אומעט פאַרטריבן,
וואָס ער האָט פריער אין וועג מיט שוויגן פאַרשריבן . . .

און יאַנע האָט געשמייכלט דער זון אַנטקעגן.
און יאַנע האָט יאַנ׳ען געהיט אויף די וועגן.

ס׳איז יאַנע׳ן אומגעריכט אויך געלונגען
צו קריגן אַ מאַשין מיט אַ ראַדיאָ אַ גוטער ;
האָט די ראַדיאָ געשפּילט און יאַן האָט געזונגען,
און יאַנע האָט יאַנ׳ען געצערטלט מיט דער ליבשאַפט פון אַ מוטער . . .

אזוי זיינען זיי געפאָרן איבער ווייטע שטרעקעס
און אָפט, זייער אָפט — די מאַשינען געביטן,
ביז זיי האָבן מיטאַמאָל אין דעם ווינט זיך געפונען
אַנטקעגן אַ צובלוטיקטן מערב אינמיטן.

דער הימל האָט זיך צושפּילט אין א ים פון קאָלירן,
וואָס האָבן דיך פאַרטראָגן אויף א פרעמדער ערד — — —
דו שטייסט באַ דעם ראַנד אין שווייגן ווי פאַרגליווערט,
דו ווייסט ניט פון דעם גורל וואָס דיר איז באַשערט:

צו זיין דאָ דער עדות פון אַ זעלטענעם יום טוב,
וואָס דערהויבט דיך צו דעם מלכות פון געטלאַכער פרייד . . .
דיין האַרץ שלאָגט הויך און קושט זיך מיט די געטער,
וואָס האָבן דיר דיין גליק אויפסניי אומגעקערט . . .

עס קומען דיר מענטשן פאַרברידערט אַנטקעגן מיט טאַנץ און געזאַנג,
און דו אַזאַ הויכער און שלאַנקער, גייסט־מיט ווי אַ זעלנער אין גאַנג,
מיט שוועסטער, מיט ברידער פון אַלע פעלקער און ראַסן פון גאַרער וועלט,
און זינגסט אויס די פרייד פון נייעם לעבן, וואָס ווערט מיט מי פון זיך אליין איינגעשטעלט.

און קנאה און שנאה גייען אָפּ מיט דעם מערב־בלוט באַם ראַנד,
און עס ברודערט־אויף די ליבע, און פאַראויס זי שפּאַנט און שפּאַנט
צו דעם אויפגאַנג צו דעם נייעם, צו דעם מאָרגן־לאַנד וואָס וואַכט —
מיט אַן אימפּעט אַ פאַרשייטן וואָס איז מבטל די נאַכט
און פאַרברידערט דעם גלאָבוס צו דעם מענטש און זיינע נויטן,
און אַ נייע וועלט קומט־אויף מיט דעם געזאַנג פון גרינע שויטן.

דעטור

דער אָוונט האָט מיט אַש אויסגעלאָשן דאָס לעצטע ביסל גאָלד פון דער שקיעה.
די בערג האָבן זיך אין בלוי געטומען פּוצן,
און באַלד זיך מיט שוואַרצקייט באַגאָסן
קעגנאיבער דעם באַנאַכטיקן הימל,
איבער דער רחבות פון אָפענע וועגן.

די נאַכט האָט באַ אַלעמען דאָס לשון אָפּגענומען.
דער שאָופער האָט עקשנות'דיק זיך געיאָגט צו אַ קעמפּ.
יאַנע האָט אַ מידע גע'חלום'ט פון רו,
און יאַן האָט זיך געזעטיקט מיט דער זעאונג פון אַ טרעמפּ . . .

דער וועג ברעכט זיך אָפּ באַ דעם אויפלויכט פון רויטע לאַמטערנס,
און אַ וואָלקן פון שטויב רייסט איבער דעם ריטם פון פאָרן ;
דער מאַשין טאַנצט-אויף קאַפּריזנע און אומגעלומפּערט,
און טראָגט זיך זיג-זאַגיש אויף קרומע און זייטיקע וועגן,
אָט — אַהער, און אָט — אַהין,
און פרייכט מיט אַ געשטאַנק פון גאַזאָלין —
און אַנטלויפט פון דער געפאַר,
ווי דער שוואַרצער ברודער מיינער פון די דרום-שטאַטן
לויפט אַוועק מיט אימפּעט פון זיין ווייסן האַר . . .

אונטער אַ קויטיקן ברעזענט

(א)

דער אָוונט האָט זיי געטראָפן אין ספּעניש פּאַרק,
אויף א טראָק אָן אָפּענעם אונטער א קויטיקן ברעזענט —
מיט א פולער לבנה אינמיטן.

דער טראָק איז מיט טומל געפלויגן
און מיט בלינדע אויגן געזוכט דעם וועג,
וואָס האָט ווי אַ שלאַנג זיך געצויגן
אָט אויף רעכטס, און אָט אויף לינקס,
באַרג ארויף און באַרג ארונטער —
און אַ קאַלטער מדבר־ווינט
האָט די לבנה פון אונטער דעם ברעזענט אפּירגעשלעפּט
און ווייט איר פאַרטראָגן אריבער די הרי חושך,
ארויף און אַריבער די וואָלקנס —
און דעם וועג, יאַן מיט יאַנע׳ן — מיט מילך פאַרגאָסן — — — —

— איר כאַפּט דאָרט אַ ציטער ? —
האָט דער באַלעגולע צו זיי ארונטערגעשריגן.
— ס׳איז אונדז גוט ווי די וועלט ! —
האָט יאַן צו אים ארויפגעשריגן,
און ווידער פון דעם טראָק זיך געלאָזט פאַרוויגן
אונטער א צושטערנטן הימל
וואָס האָט זיך מיט זיי אין וועג מיטגעדרייט,
און מיט ווינט און לבנה זיך שטאַרק געפרייט . . .

און אַז יאַנע האָט אירע אויגן אין לבנה־שיין פאַרמאַכט
און גע׳חלומ׳ט פון אַ בעט, אונטער א קויטיקן ברעזענט —
איז יאַן געבליבן זיצן מיטן פּנים צו דעם ווינט
און יאַנע׳ן פאַרהיט פון קעלט אין דער נאַכט.

דער ווינט האָט אים געצערטלט מיט פראָסטיקע פינגער
און יאַנע האָט פון שלאָף אים א מעשה דערציילט,
פון איינעם א טרוימער און א גרויסן זינגער
וואָס האָט מיט זיין טרויער און פרייד זיך געטיילט,
און אויך מיט זיין ברויט, קלייד און בעט . . .

און יאַנ׳עז האָט געדוכט ער הערט,
ווי גאָט אליין צו אים איצט רעדט . . .

(ב)

דער ווינט האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן יאַנ׳ען,
מיט חוצפּה אויפגעבלאָזן דעם קויטיקן ברעזוענט —
און יאַנע׳ן אַ בייזער פון שלאָף אויפגעוועקט.

דער טראָק האָט זיך געטראָגן איבער אומבאַקאַנטע וועגן,
מיט אומרו זיך געיאָגט אַנטקעגן דער נאַכט
וואָס האָט אַלץ פאַרשלונגען מיט עקשנות און געדולד.

און אַז יאַן האָט מכבד געווען יאַנע׳ן מיט א ביס —
האָט דער ווינט אים א פאַרשייטער פון איר האַנט אַרויסגעריסן,
אין דעם פאַרבלויטן דרויסן דער נאַכט אים אָפּגעגעבן . . .

זיינען זיי ביידע געבליבן אין דער נאַכט פאַרשעמט,
מיט ליבשאַפט זיך געטיילט מיט דעם לעצטן ביסן
און ווידער זיך פאַרטוליעט אונטער דעם ברעזענט . . .

(ג)

די מידיגקייט האָט גובר געווען די שיינקייט פון דער נאַכט,
וואָס האָט מיט רייץ זיך געדעדלט פאַר די מידע אויגן —
און דער שלאָף האָט די אויגן זיי ביידע פאַרמאַכט . . .

ס'האָט יאַנע זיך געזען אין חלום, מיט אַ שטורקאַץ אין האַנט.
און יאַן האָט זיך געזען אין זון אויפן לאַנד,
ווי ער גייט מיט בטחון און פריידיק ער שפּאַנט . . .

ביז דער טראַק איז מיט טומל מיטאַמאָל געבליבן שטיין
קעגנאיבער אַ קרעטשמע, אין וועג אליין —
און אומגעריכט זיי דערמאָנט א וואו זיי זיינען . . .

זיינען זיי אלע אין קרעטשמע אריין מיט פרייד,
זיך דערוואַרימט מיט קאַווע, מיט ברויט און מיט היימישע רייד —
און ווידער ווי פריער מיט דעם טראַק אוועקגעפלויגן.

(ד)

ווי הונגעריקע חיות יאָגן זיך די אויטאָס אין דעם מילך-וועג באַנאַכט,
און זיי שלינגען מיט עקשנות די מיילן אין וועג.
און הויך איבער זיי — בליט דער הימל מיט לבנה-ליכט און שטערן,
און יאַן מיט יאַנע׳ן שטומען אויף דעם טראָק איצט גערן.

דער ווינט חוזק׳ט פון זיי מיט געוואוי אין די אויערן,
בלאָזט-אויף באַ זיי די קליידער און קילט זיי דאָס לייב;
לאָזן זיי פון אים זיך פּאַטשן און קנעטן,
און זשליאָקען ביז שיכּרות די מילך פון דער לבנה.

און פּלוצים זילבערט-אויף דער סאָלט לייק פונוויטנס,
די שטאָט פייערט-אויף פון טאָל ארום די בערג;
און יאַנע מיט יאַנ׳ען גלייכן זיך אויס די מידע ביינער אויף דעם טראָק,
וואָס פליט מיט אַ געטומל אין דער נאַכט אויף דעם שאָסיי.

סאָלט לייק רוישט-אויף מיט דעם געזשום פון מאַשינען,
וואָס צוימען דעם טראַפיק אין דער שפּעטקייט אַצינד;
עס פייערט-אויף די שטאָט מיט דעם געבליץ פון עלעקטרישע שילדן,
וואָס לאָקן דיך און רופן צו זיך אין דער נאַכט. —

דער טראָק שטעלט זיך אָפּ באַם ראַנד פון דער שטאָט,
טאַנצן זיי צופרידן פון דעם טראָק ארונטער.
— סאָלט לייק סיטי! — רופט יאַן אויס באַגייסטערט,
און מאַרשירט מיט יאַנע׳ן אין שטאָט אַ געזונטער.

זונטיק אין וועג

די לעצטע שאָטנס פון דער נאַכט האָבן זיך דערשראָקן
פאר דעם קלינגען פון די טעמפּל־גלאָקן
פון דער מאַרמאָן־קירכע,
און אַנטלאָפן און צערינען
אין דעם נעפּל פון באַגינען.

ס׳האָט יאָן זיך צעזונגען אין דער אָפענער קאַבינע,
דעם קעמפּ אויפגערודערט מיט זיין אומגעריכטער פרייד :
— מיר דאַרפן זיך איילן, האָט זיך געהויבן זיין שטימע —
ס׳איז זונטיק, פאַרגעס ניט — גאָרגלט ער אוים זיינע רייד . . .

די זונטיק־רו האָט זיך צוגעניצט דעם טאָג אַנטקעגן,
וואָס האָט זיך פויל באַוואויגן אין זיין באַגינען־גאַנג ;
ס׳האָט יאַנע גע׳חלומ׳ט פון אויטאָס אויף די וועגן,
און יאָן האָט געמוזט וואַרטן אויף יאַנע׳ן זייער לאַנג.

און אַז דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן די ניינטע שעה,
האָט דער טאָג זיי שוין געטראָפן אין וועג מאַרשירן.
די שטאָט האָט זיך גענעפּלט אין אַ וואָכעדיקן גראָ,
זיי האָבן פון אַ מאַרמאָן זיך געלאָזן פירן

אַהינטער דער שטאָט, איבער אַ רחבות׳דיקן קעניאָן
וואָס האָט זיך אַ שטאָלצער פון די בערג ארויסגעגרינט,
אַנטקעגן דער אָקטאָבער־זון וואָס האָט קאַלט אַצינד געשיינט
און געאָטעמט מיט אָנזאָג אויף רעגן, שניי און ווינט.

דער מאָרמאָן איז געזעסן באַם רעדל אָנגעצויגן,
און וואַכזאַם און געניט האָט ער געהיט דעם פארקער ;
און יאַן האָט געהיט דעם ספּעדאָמעטער מיט די אויגן,
און יאַנע׳ן איז דאָס פאָרן געפאַלן זייער שווער . . .

ס׳האָט דער מאָרמאָן זיך גע׳בריה׳ט פאָרן אָן אַן אָפּשטעל
איבער וועגן וואָס האָבן געלויערט מיט געפאַר,
און אַז יאַן האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן יאַנעס בליקן,
איז אים פּלוצים באַפאַלן א מורא׳דיקער צער.

ס׳האָט דער וועג זיך דאָ פאַרגאַרטלט אויף די לענדן פון די בערג,
איבער אָפּגרונטן טיפע אין נעפּל איינגעהילט ;
און אַז יאַנע האָט דעם אָפּגרונט פאַרשפּיגלט אין די אויגן,
האָט זי דעם צאַפּל פון איר האַרץ מיטאַמאָל דערפילט . . .

ס׳האָט דער קעניאָן זיך גענומען דרייען ווי א קאַרוסעל,
הויך און רונד ארום די בערג, אין אייליקן געלויף ;
און דער מאָרמאָן איז ווי פריער געפלויגן אָן אַן אָפּשטעל,
מיט דעמזעלבן אימפּעט באַרג-אַראָפּ און באַרג-אַרויף. —

ס׳האָט דער קעניאָן זיך אוועקגעבלויט אין וועג אהינטער זיי.
דער מאָרמאָן האָט אָפּגעשטעלט זיין אויטאָ אויף אַ פעלד.
און אַז יאַן האָט מיט יאַנע׳ן מיט דעם מאָרמאָן זיך צוזעגנט,
האָט דער וועג זיי אויפגענומען מיט זון, ווינט און קעלט.

אויף די וועגן פון יוטאַ

די פעלדער האָבן פון ווינט זיך געלאָזט צוקעמען
אויף די וועגן פון יוטא, אין באַטאָגיקן ליכט.
די וואָלקנס האָבן מיט עקשנות געקעמפט קעגן ווינט
און זיך פלוצים צולאָפן ווי פייגלינגס אומגעריכט.

דער הימל האָט מיט זון זיך צולאַכט אין זיין רחבות,
און די ערד האָט גע׳חלומ׳ט אין האַרבסט פון א רעגן ;
און יאַן איז געדולדיק מיט יאַנע׳ן דאָ געשטאַנען
און געוואַרט אויף אַן אויטאָ אויף די יוטאַ וועגן.

דער פאַרקער איז צוליב זונטיק געווען אַ שלעכטער,
ס׳האָט זיך זעלטן באַוויזן אַ ליידיקער מאַשין —
האָט יאַן דאָ פאַרשפּילט זיך מיט יאַנע׳ן אויף געלעכטער,
און זייער וואַרטן האָט באַקומען אַ נייעם זין . . .

זיי לויפן פאַרשייטע ארום ווי יונגע ציגן,
און זיי שטיפן און זיי לאַכן דאָ הויך אויף אַ קול ;
און אַז זיי בלייבן אויף דעם גראָז גאָר פלוצים ליגן,
וועקט זיי אויף דער האָרן פון אַן אויטאָ מיטאַמאָל . . .

עס רויטלט זיך יאַנע ווי אַ רייפע פּאַטלעזשאַנע,
אַנטקעגן דעם שאָופער וואָס שמייכלט אין זיין אויטאָ ;
זי בלייבט זיצן אַ שטילע, אינזיך איינגענורעט —
און יאַן מאַכט זיך היימיש, געניט און תמ׳עוואַטע . . .

זיי יאָגן זיך ווידער אויף די פעלדער פון יוטאַ,
מיט אימפּעט מיט פרישן איבער געדרייטע וועגן ;
זיי קוקן זיך איבער מיט נייגער און זיי שווייגן,
ביז אַ פליענדיקע אויטאָ קומט זיי אַנטקעגן.

דער שאָופער גיט קונציק און פלינק אַ דריי דאָס רעדל,
און מיידט אויס די אויטאָ — דעם שליח פון געפאַר ;
זיי ווערן צוליב דעם צווישן זיך באַלד היימיש
און פאַרדאַמען דעם פליער, ווי אַ גרויס-גרויסן נאַר.

עס בייט זיך די לאַנדשאַפט ווי אין חלום אומגעריכט,
די ווייטקייט ווערט נאָענט און די בערג פליען אַוועק ;
די וועלדער פאַרשווינדן און באַווייזן זיך ווידער,
און פלאַכלאַנד ווערט ווידער מגולגל אין הויכע בערג.

דער ווינט האָט זיך פאַרבעטן אין אָפענעם מאַשין,
מיט ווינטיקן געלוסט זיך געלאַסטשעט צו יעדן ;
דער שאָופער איז אַ שטילער באַם רעדל געזעסן,
אין שפּיגל געזען די שכנים אין שווייגן ריידן . . .

דער שאָופער האָט געצוימט דעם ריטם פון זיין אויטאָ,
אין שטילער פאַרערונג פון די פאַרליבטע שכנים ;
דער ווינט איז פאַר בושה אליין ארויסגעפלויגן
און אין וועג זיך פאַרלוירן אומבאַמערקט פון קיינעם.

דער מאַשין

דער מאַשין האָט מיט אימפּעט זיך גערעדלט אַן אַן אויפהער,
אין אַ ווילדן געיעג צו באַזיגן די ווייט.
דער ספּעדאָמעטער האָט מעכאַניש פאַרצייכנט די מיילן,
ווי אַ פאַרמאַן פאַרצייכנט פון אַרבעט די צייט.

דער טאָג האָט זיינע לידער מיט ווינט אין זון געשריבן
און מיט ריזיקע טריט איבער דער וועלט געשפּאַנט.
דער האַרבסט האָט איצט דעם פּנים פון דעם דרויסן געביטן
מיט דעם געהיימען כח פון אַ קינסטלערס האַנט.

יאַן איז זיך פאַר׳חלום׳ט אין דעם מאַשין געזעסן,
מיט דורשטיקע אויגן די שיינקייט געשלונגען ;
די וועלט אהינטער אים אינגאַנצען ווי פאַרגעסן,
האָט ער אין אַ ליד זיך פאַרוואַנדלט — געזונגען . . .

עס האָבן באַרג און טאָל זיין געזאַנג דאָ פאַרנומען
און דער ווינט האָט זיין פּנים געצערטלט, געקילט ;
די פרייד און דער טרויער, ווי אַ סיאַמער צווילינג —
מיט סימפּאָנישן כח אין אים אויפגעשפּילט . . .

און יאַנע האָט באַשיידן צום שאָופער דאָ גערעדט,
און גערן פאַרנומען וואָס ער האָט איר דערציילט :
— מיין גורל איז זיך שלעפּן אויף וועגן, ווי איר זעט —
פריי זיין ווי אַ פויגל, כאָטש תמיד אויף אַ קייט . . .

— און אונדז טרייבט אום די נויט אויף וועגן אומבאַקאַנטע,
האָט יאַנע זיך פאַרטרויעט אומגעריכט און אָפן — — — —
דער האַרבסט האָט געאָטעמט מיט רייפקייט, מיט שיינקייט —
דער מאַשין איז געמיטלעך געלאָפן, געלאָפן . . .

ROCKSPRING

ראַקספרינג האָט זיך אויפגעכאַפּט אונטער א צודעק פון שניי,
ווי א קאַץ אויפגעציטערט פון באַנאַכטיקן שלאָף.
— מיר מוזן זיך איילן, אנטלויפן פון ווינטער —
האָט יאַנע געהערט ווי פון חלום א רוף.

דער ווינט האָט מיט העזה געפייפט אין דעם קוימען.
דער שניי האָט די שויבן באַוואַסערט מיט קויט,
און יאַן האָט ווי תמיד מיט פרייד אויפגעזונגען
אַנטקעגן דעם אויפגאַנג וואָס האָט זיך געגרויט.

מיר וועלן זיך פארמעסטן קעגן שניי און ווינט
און שלינגען די מיילן מיט גרויס אַפּעטיט,
האָט יאַן אומגעריכט אין דער קעלט זיך צעזונגען —
אויף מיינע נאמנות, ווי איך בין אַ ייד ! . . .

— מיר וועלן די קאַבינע היינט ניט פאַרלאָזן,
און איך וועל דאָ רוען אַ גאַנץ־גאנצן טאָג,
האָט יאַנע זיך שטיפעריש צוריק צוגאָרגלט —
מאַך וואַרים דעם אויוון, — דו הערסט וואָס איך זאָג ? !
— — — — — — — — — — — — — — — —

דער שניי האָט פונדרויסן באַם טיר זיך געווירבלט,
און יאַן האָט געשמייכלט באַשיידן און קלוג — — — —
ס׳האָט יאַנע אויפסניי זיך צו יאַנ׳ן פאַראייגנט,
זיי האָבן ווי העלדן באַגעגנט דעם טאָג.

דער ווינט

דער ווינט האָט ווי אַ הונט פון קייט זיך אָפּגעריסן
און מיט געוואַי אין וועג אַוועק.
ס׳איז יאַנע מיט יאַנ׳ן געוואָרן אויסגעריסען
אין ראַקספּרינג, באַגינען אין וועג.

דער שניי האָט זיך געוואַסערט מיט חוזק אין דעם ווינט,
מיט בלאָטע דעם וועג אויסגעפּיצט.
—עס וועט יאַן דיר קיין טאַטער אפילו ניט העלפן,
האָט יאַנע מיט רייד אויפגעבליצט —

— מיר וועלן היינט דאָ מוזן אין שטעטל פארבלייבן,
צי גאָר אפשר נעמען א באָס, —
האָט יאַנע שוין באַצייטנס דאָ געוואָרנט יאַנ׳ן,
וואָס האָט אין שניי געמאַכט אַן אות

און זאָרגלאָז, ווי אַ שטיפער — מיט שטעקן געשריבן
צו יאַנען אין ווינט אויף דעם שניי :
— כ׳האָב פאַר דיר מיינע לידער ווי פּערל געקליבן,
אויף דיינע ליפּן בליען זיי. —

די בערג

די בערג האָבן מיטאַמאָל זיך גענומען טונקלען,
די זון האָט זיך דערווייטערט פון דער ערד ;
דער שאָופער האָט אַ מידער דעם מאַשין געטריבן,
און יאַנע האָט געדרימלט אומגעשטערט.

דער וועג האָט זיך געשאָטנט אין אָנגעזיכט פון ווינט,
דער פארקער איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער ;
די זון האָט זיך געראַנגלט מיט אַ גאָט אַ בייזן
און געוואָרן אַלץ שענער און שענער.

אַנטקעגן דעם מזרח

האָסט דיין שטעקן פאַרביטן אויף אַ בליענדיק מיידל,
דיין גורל אָן אירן פאַרקניפּט ;
דו האָסט זיך פאַרברידערט צום ענדלאָזן דרויסן,
ווי פאַלם אין מדבר צובליט.

דו האָסט זיך פאַראייגנט צו אָפענע שליאַכן,
צו בערג און צו טאָלן פאַרשווירסט ;
דו ביסט מיט באַגינען אַוועק אויף די וועגן,
ווי צעדער צוגרינט — אויפגעגרויסט

אין זון, אויף אַ בערגל — אַנטקעגן דעם מזרח,
וואָס האָט זיך מיט אָנזאָג צעזונט ;
און דו און דיין מיידל, אָן זאָרג אין די אויגן —
דעם מאָרגן באַגעגנט מיט ליבּ.

אָן אַ נאָמען

דער מענטש
אָ זאָל זיך דיר דוכטן
מאָן פון ליד
דיין נאָמען
זעקס מאָל צען
מיין טויטער פאָטער
קאַליפאָרניער ווינטער
קדיש נאָך מיין טאַטען
ווי א קינד
אין א טאָג
די סעפּטעמבער־זון
באָם ים
מיין טאַטע
די אָוונט־זון
יאָן און יאַנע
פאַרשוועכטע פרילינגס
מיר וועלן בײדע וואַרטן
פּאָרטרעט
מיין ברודער מענדל — דער בויער
פון קיינעם נישט דערמאָנט
די וואָס זיינען מער נישט בלינד
הארבסט
דיינע לידער
מיר
די נאַכט
פאָראויס
צו פּילים׳ן
דזשאָן
פאַר ווּעמען

דער מענטש

איך בין דער מענטש וואָס קומט פון ווייטע וועגן
מיט שטויב אויף די סאַנדאַלן און אַ פּנים אַ פאַרברוינטס,
מיין לייב איז פאַרהאַרטעוועט פון זון און פון ווינט,
און איך שפּיל זיך מיט דעם לעבן
ווי אַ טאַטע מיט א קינד . . .

די זון גייט אויף פון מיינעט וועגן, און פאַרברידערט מיך צום טאָג.
פון פריען באַגינען, ביז אין אָוונט-שפּעט —
גיי איך ווי שיכור אויף דער וועלט ארום,
און איך פריי זיך מיט אַלץ וואָס קומט מיר אַנטקעגן,
און איך טייל זיך מיט אַלץ אויף די ווייט-און-לאַנגע וועגן . . .

אַ זאָל זיך דיר דוכטן

אַ זאָל זיך דיר דוכטן אז דו ביסט דאָס קינד
און איך בין עס מאמע, דיין מאַמע ;
איך זיץ בא דיין וויגל און זינג דיר אַ ליד —
דו שלאָפסט שוין מיין קינד איצט מסתמא.

דיין מאַמע איז מיד שוין צו זאָרגן פאַר ברויט,
צו טראָגן פון לעבן די יאָכן ;
ס'איז בעסער דיין טאַטען וואָס איז שוין לאַנג טויט,
ווייל טויט איז איצט אויך מיין בטחון . . .

איך בין שוין ניט מער איצט דער מענטש פון אמאָל
מיט מורא פאַר גאָט אין דעם הימל ;
דאָס לעבן איז דאָ'איק און זויק און שיין —
די זעאונג פון ברויטן מיט קימל . . .

טו זאָל זיך דיר דוכטן אַז דו ביסט דאָס קינד
און איך בין עס מאַמע, דיין מאַמע ;
איך בין צו דעם לעבן שוין מער דאָ ניט בלינד —
שלאָף רואיק מיין קינד און מיין מאַמע.

מאַן פון ליד

דעם אָנדענק פון זישא לאַנדוי

עס וואַרט פאַרשעמט אויף דיר די קרוג,
און איך בין שוין פון וואַרטן מיד;
דיין ליד אָן דיר איז ניט גענוג,
ריטער פון שיינקייט — „מאַן פון ליד".

עס וואַרט דאָ אַלץ אויף דיין באַריר,
אויף דעם באַשייד פון דיר — דיין ליד;
ס'איז אומעטיק צו זיין אָן דיר
דעם דיכטער, און דעם מענטש און ייד.

דיין קלוגשאַפט פעלט, און דו מיט איר —
דיין טיש איז איצט אַזוי פאַרשעמט;
עס האָט אַ שד פאַרהאַקט דיין טיר
און דיך פון אַלץ אַזוי פאַרפרעמדט . . .

דיין נאָמען

אונטער דעם צודעק פון מיינע אויגן
ליכטיקט-אויף דיין געשטאַלט
ווי א זון אין באַגינען ;
מיך רייצט דיין געשטאַלט — דער אויפגאַנג אַליין,
ס'האָט טאַטע דיין לעבן
אין מיר א זין געפינען.

דער טאָג האָט געזען, און איך האָב געהערט
דיין געשפּאַן אויף דער ערד
און דאָ דיין ליד פאַרנומען ;
איך ווייטיק ווי דו מיט אַלץ וואָס עס לעבט,
כ'בין א שוויגער ווי דו —
און שטאָלץ איך טראָג דיין נאָמען.

זעקס מאָל צען

די האָסט מיט דעם טאָג זיך היינט געטראָפן
אויף אַ ראַנדאַוואו אין וואַלד,
אין דעם בלויען באַגינען, אויף אַ הויכן באַרג.
די זון איז מיט פרייד דיר דעם וועג פאַרלאָפן,
אַ ווינט האָט פונוויטנס געגריסט דיך קאַלט —
און אַלע דיינע אברים האָבן ווילד אויפגעשריגן:
דו ביסט בחור היינט געוואָרן
זעקס מאָל צען שוין אַלט!

די האָסט זיך באַ דער ריטשקע מיט דיין לעבן אָנגעטראָפן
און דאָרט געזען אין שאָטן, פאַרשעמט —
דיין גלויבן און דיין האָפן — — —

דער טאָג האָט געשמייכלט און דו האָסט געשוויגן,
און הימל און ערד האָבן הויך צו דיר גערעדט:
ס'איז דיין לעבן ביז איצט ניט געווען קיין ליגן,
דיין עקשנות האָט געוואונען דיין געוועט
מיט דער רשעות פון דער וועלט,
מיט דער פרעמדקייט אַרום דיר —
וואָס שמעלצט זיך באַ דיין אויפשטייג
און צורינט באַ דיין אָפענער טיר.

מיין טויטער פאָטער

מיין טויטער פאָטער לעבט אין מיר,
פרייט זיך און ער טרויערט:
— מיין לעבן פרילינגט-אויף אין דיר,
דויערט און געדויערט.
דו באָדסט זיך אַלע טאָג אין זון,
גייסט ארום אויף שטיינער!
דו איינזאַמסט אָפּ מיין לעבן דאָ —
דו און איך בין איינער — — —

דו ביסט שוין מער ניט וואָס געוועז,
לעבסט, ווי איך — באַשיידן;
איך לעב אין דיר, כאָטש ניט-געזען —
פרייד פון מיינע פריידן — — —

דו בלוטיקסט יעדן טאָג מיט מיר,
אויף דעם גורל מיינעם;
איך לעב דיין לעבן דאָ מיט דיר,
טייל דעם גורל דיינעם — — —

קאַליפאָרניער ווינטער

ס׳האָט די זון זיך פאַרבאַהאַלטן אהינטער אַ וואָלקן,
און גנבה׳יש געהיט דעם גאַנג פון דער וועלט.
עס האָבן זיך כמאַרעס געטראָגן מיט אימפעט,
פאַרהוילן די זון, דעם וועג איר פאַרשטעלט.

עס האָבן די בערג זיך מיט אומעט באַקליידט,
מיט רויכיקע נעפלען פאַרגעניצט דעם ראַנד ;
עס האָט זיך פונוויטנס צורעוועט אַ דונער,
די בערג מיט גבורה אריבערגעשפאַנט.

עס האָט זיך אַ וואָלקן פאַר מורא צוואווײנט,
מיט רעגן, מיט שווערן, געפאַלן צו ד׳רערד ;
דער ווינט האָט זיך פלוצים פון שלאָף אויפגעכאַפט,
מיט כח מיט ווילדן די וואָלקנס צושטערט !

די בערג האָבן גלייך זיך מיט בלויקייט צושמייכלט,
די ערד האָט מיט פרישקייט אויף גיך אויפגעבליט ;
די זון האָט מיט רחבות באַלד ווידער צושפרייט זיך,
מיט ליכט און מיט פריידן דאָס לעבן באַזינט . . .

קדיש נאָך מיין טאַטען

אייביק וועל איך פון דיר טראַכטן,
הויך און שטאָלץ דיין נאָמען טראָגן;
ריידן וועל איך פון דיר תמיד,
נאָר ניט וויינען, נאָר ניט קלאָגן.

מיינע לידער וועל איך זאַמלען,
שטילע תפילות נאָך דיר זאָגן;
הערן וועט די וועלט מיין שטאַמלען,
ביידנס הערצער — שלאָגן, שלאָגן...

ריידן וועל איך צו דיר תמיד,
און מיט ליבשאַפט דיך דערמאָנען;
נאָר דיין אָנדענק — א נר תמיד, —
שטאַרקן וועט מיך קאָנען, קאָנען...

טאַטע מיינער, שוכן עפר —
יעדער טאָג איז אַ פארשווערכטער;
יעדער טיילט דעם גורל דיינעם,
נאָר גאָט איז סיי ווי קיין גערעכטער...

ווי אַ קינד

די נאַכט האָט אויסגעטאָן אירע בלויע שיך,
און איילעניש דאָס פּנים מיט טוי אויסגעוואַשן
און מיט באָרוועסע פיס אַוועק אויף דער גיך . . .

דער באַגינען איז צעפּאַטלט ארונטער פון בעט,
מיט אַן הויך פון אַ געניץ
— די לעצטע שפּורן פון דער נאַכט אַוועקגעווישט —
און מיט זון דעם טאָג צעצונדן.

דער קיילעך פון דער ערד האָט מיט שפּע זיך צושמייכלט,
דאָס לעבן האָט אויפסניי זיך באַפליישט און באַ׳הויט ;
און איידער איך האָב אויף די פיס דאָ געשטעלט זיך,
האָט דער אָוונט דעם טאָג פון זיך אַוועקגעבלויט
מיט דעם רייץ פון צפון-ליכט איבער מיין יונגען קאָפּ.
ס׳האָט דאָס לעבן ווי אַ קינד באַ דער האַנט מיך גענומען,
און פירט מיך ביז איצט נאָך, באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ . . .

אין אַ טאָג

אין א טאָג א זוניקן און מיט שניי א סך,
בין איך טאַטע היינט צו דיר געקומען.
איך האָב אַ שטיין אַ הויכן געטראָפן — אַ דאַך
איבער דיין קבר — און אַלץ באַנומען . . .

דיין לעבן דאָס פאַרשוועכטע אין מיר זינגט דאָ אויף,
כאָטש איך שטיי בא דיין קבר אַ שטומער ;
איך הער ווי דו רעדסט צו מיר פון קבר ארויף,
איך זע דיך אין דיין שטעטלשען זומער . . .

ס׳איז דיין האַנט אַזאַ ווייכע און וואַרים דערצו,
און דיין באָרד אַ פאַרקאַמטע און ווייסע ;
ס׳איז דיין זון ניט געקומען דיר שטערן דיין רו,
ס׳איז טאַטע אַן אויסגעטראַכטע מעשה . . .

איך ווייס — איך האָב פאַרשפּעטיקט דיך קומען זעען,
איך האָב ניט קיין מוט דיך בעטן פאַרגיבן ;
עס איז טאַטע מיין לעבן קעגן דיינעם קליין,
איך בין אָרימער פון דיר דאָ פאַרבליבן . . .

איך האָב ניט קיין זין און איך האָב ניט קיין טעכטער,
וואָס זאָלן מיין נאָמען שטאָלצע טראָגן ;
עס גייט דאָ לאיבוד מיין פרייד מיין געלעכטער,
ס׳וועט קיינער קיין קדיש נאָך מיר ניט זאָגן . . .

כ׳בין היינט צו דיר געקומען ווי צו זיך אהיים,
ס׳קאָן מיך ניט קיינער פון דיר פאַרטרייבן ;
דיין לעבן פלאַנצט זיך איבער אין־מיר אין געהיים,
כ׳וועל זון־און־טאַטע אויף אייביק בלייבן . . .

די סעפּטעמבער־זון

די סעפּטעמבער־זון האָט מיט אַ היטל פון אַ וואָלקן
אין איילעניש דאָס פּנים זיך פאַרדעקט,
און אָנגעיאָגט מיט היץ אַ שרעק
אויף דער גאָרער וועלט.

דער הימל האָט זיך אויסגעפּוצט מיט גרוי
און דעם טאָג הינטער זיך אַ פּאָר'הלש'טן געלאָזט.

דער ווינט האָט צעשויבערט די בוימער אין סאָד,
וואָס האָבן זיך צעוויינט מיט אַ געוויין פון געלע בלעטער —
אויסגעקערט די שטאָט, און אויבנאויפיק איר באַוואָסערט
מיט דעם שווייס פון שווערע וואָלקנס,
און העלע ליכט־פלעקן, ווי פענצטער אין הימל צועפּנט —
און מיט אייליקע טריט, בייז און ווילד אַנטלאָפן,
לאָזנדיק אהינטער זיך אַ שטויב פון פוילע בלעטער,
ווי אַן אָנזאָג אויף דעם ערשטן רעגן
וואָס וועט קומען שפּעטער, שפּעטער.

באַם ים

דער ים איז היינט כמורנע, בייז און צושראָקן,
עס גרויט זיך דער הימל, א שרעק !
עס זיצט דאָ א דאמע אין צוויי פּאָר זאָקן
מיט א שירם אין האַנט, באַם ברעג.

די שטיפערין, די זון — פאַר'גנב'עט זיך אָפּט
אהינטער דעם שירם אין ווינט,
זי לאַכט פון דער דאַמע, זי בריט איר און שטראָפּט
איר מיט ליבשאַפט, ווי אַ ווילד קינד . . .

עס ווערט זיך די דאַמע אונטער דעם שירם,
זי שיצט און באַשיצט זיך אין זאַמד ;
די זון, ווי א גנב — רויטלט איר פּנים,
צו להכעיס דעם שירם — באַם ראַנד.

די דאַמע לאָזט זיך פון דעם ים פאַרוויגן
אונטער דעם שירם דאָ אליין ;
עס גילגול'ט פאַר איר אויף אַן אַלטער ניגון,
וואָס צויבערט אין שלאָף זיך מיט חן.

זי זעט זיך אין חלום, ווי אין אַ שפּיגל —
אין אַ יוגנט־קרייז וואו אין פּאַרק ;
זי פלאַטערט איצט אַרום ראש ווי אויף פליגל —
זי איז פול מיט לעבן, יונג, שטאַרק !

עס יאָגן זיך נאָך איר יינגלעך אַלערליי,
און זי פליט אַלץ ווייטער און גיכער;
זי פלאַטערט ווי שיכור אַרום צווישן זיי,
און טראָגט מיט רייץ אַזוי זיך זיכער.

זי שטעלט זיך פּלוצים אָפּ מיט אַ געלעכטער,
זי פאַלט אַריין אין איינעמס הענט:
— דו לאָז מיך בעסער אָפּ, זיי ניט קיין שלעכטער ! —
און ווערט פאַרשוועסטערט אומבאַקענט. —

דער הימל פּוצט זיך אויס אין בלויע קליידער,
און דער ווינט כאַפּט אויס דעם שירם ;
די דאַמע וועקט זיך דאָ שטיל און כסדר,
די זון זינגט אַלץ איר שיר השירים.

די דאַמע כאַפּט זיך אויף צושויבערט און הייס,
און מיט אַ נאָז אין אָפּגעבריטער ;
— ס'איז ניטאָ מיין שירם — באַפאַלט איר אַ שוויים,
דער ים חוזק'ט און שוימט מיט לידער . . .

מיין טאַטע

מיין טאַטע שיינט ווי טויזנט זונען,
עס טאָגט די פרייד פון אים ארוים:
„איך האָב מיין גאָט דיך שוין געפונען,
איך בין קליין און נישטיק, דו ביסט גרוים!

דו רעדסט צו מיר אויף אלע שפּראַכן
און מאַכסט זיך קלאָר אליין, אליין;
דו קוקסט ארוים פון אַלע זאַכן
און ווערסט פון קיינעם ניט געזען". —

מיין טאַטע לויכט אין מיין זכרון
ווי דער עמוד אש פארצייטן;
מיין טאַטע רייפט אין מיינע יאָרן,
אין זיין לעבן דעם באַנייטן . . .

די אָונט־זון

די אָונט־זון האָט זיך צובלוטיקט בא מיין פענצטער
און מיט ווייטיק מיך דערמאָנט,
אז זי איז באַ מיין וויגל ערשט ניט לאַנג געשטאַנען,
דעם באַשייד דערפון געמאָנט . . .

ס׳האָבן זומערן אויף די וועגן זיך געטראָפן
און מיט פרעמדקייט זיך באַקליידט ;
ווער עס איז אין איילעניש געשפרונגען און געלאָפן,
ווער עס האָט זיך סתם געפריידט

און סליאַד פון יאָרן אַהינטער זיך געלאָזן,
און אַ מידן מיך אַ דאָ ;
שפיגל איך זיך אין דער אָונט־זון באַשיידן,
טראַכט פון דעם וואָס איז ניטאָ . . .

יאַן און יאַנע

ארום דעם הויז פון גאָט,
אויף אַ גרינעם לאַן —
האָט יאַנע זיך געטראָפן
מיט איר בחור יאַן.

ס'איז יאַן דאָ געזעסן
פאַרטראַכט אין דער זון,
האָט יאַנע אויפגעפלאַטערט
פלוצים, ווי א פאַן.

האָט יאַן זיך פאַרברידערט
צו יאַנע'ן מיט פרייד,
איז יאַנע פארבליבן
באַ אים — זיין באַשייד.

האָט דער טאָג זיי מיט ליבשאַפט
און גענאַד באַוואַכט,
און די זון האָט מיט זון זיך
איבער זיי צולאַכט.

האָט יאַנע פאַרגעסן
דעם וועג אויף צוריק,
און יאַן האָט געפונען
אין יאַנע'ן זיין גליק.

פאַרשוועכטע פרילינגס

איבער מיין שווערן קאָפּ מיט די אויפגעשפּיצטע האָר,
וויינען די פאַרשוועכטע פרילינגס — דיינע זעכצן יאָר.

זיי וויינען און מאָנען דעם באַשייד פון יונגע טעג,
וואָס זיינען זינלאָז צערונען אויף אַ פאַלשן וועג . . .

און איך — אַ פאַרשעמטער און אַ פאַרשוועכטער ווי דו,
און איך — וואָס איך ווייס ניט פון קיין יום טוב און קיין רו,

נעם אָן דעם גורל פון מיין לעבן דעם פאַרשוועכטן,
כאָטש דער צער פון ה י י נ ט פאַרטונקלט דעם צער פון נעכטן . . .

מיר וועלן ביידע וואַרטן

אויף דיר וועל איך וואַרטן געדולדיק און לאַנג ;
מיט דיר בין איך גליקלעך, אָן דיר בין איך קראַנק.
אויף דיר וועל איך וואַרטן געדולדיק און לאַנג.

און דו וועסט אויך וואַרטן אויף מיר מיט געדולד,
ווי ערד וואַרט אויף רעגן, די אומשולד אויף שולד.
און דו וועסט אויך וואַרטן אויף מיר מיט געדולד.

צו מיר וועסטו קומען באַשיידן און ריין,
אַזוי ווי איך קען דיך — ניט גרויס און ניט קליין.
צו מיר וועסטו קומען באַשיידן און ריין.

פּאָרטרעט

דיינע אויגן — ימים צוויי,
דו, אינמיטן — צווישן זיי.

טייכן פליסן הינטער מיר.
זונען שיינען איבער דיר.

מיינע אָרעמס — זיילן צוויי,
רויטער גלאָבוס רוט אויף זיי.

מיינע ליפּן — שטומע פרייד,
קיינמאָל זיכער, תמיד גרייט . . .

און דאָס מויל מיינס ווערט נישט מיד
תפילה׳ן תפילות אין דעם ליד.

מיינע אַקסל — ברייט און שטאַרק,
און אַ הויכער שטאָלצט מיין קאַרק.

כ׳שפּאַן אַ דרייסטער אויף דער ערד,
טראָג אַ שטאָלצער וואָס באַשערט:

גורל מיינעם — פּיין פון סוף,
קוק צום לעבן הויך אַרויף.

מיין ברודער מענדל — דער בויער

מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און שווייס אויף זיין פּנים
דער בויער גייט אייביק אַרום,
דאָס לעבן פאַר אים איז אַן ערדישער אויפּוואוקס,
אין שטאָט און אין דאָרף — אומעטום.

עס קימערט אים וויניק דער אייגענער עלנט,
דאָס היימישע לעבן — זיין נויט ;
ער טראָגט אויף זיין רוקן די לאַסט פון דעם גלאָבוס,
וואָס ווערט פון אים איבערגעבויט

מיט פרייד פון דער זעאונג פון אַ זאַטן לעבן,
וואָס וואַרצלט ארוים פון דעם ה י י נ ט ,
און זוניקט זיך לאַנגזאַם אַריין אין דעם מ אָ ר ג ן
וואָס העלט פון דער וויטנס און שיינט

מיט אָנזאָג אויף יושר, פאַר יעדן באַזונדער —
פאַר יעדן וואָס בויעט ווי ער —
און כאָטש ער איז תמיד פאַריאָכט און פאַרהאָוועט,
עס פאַלט אים דאָס לעבן ניט שווער.

געדולדיק און רואיק די וועלט בויט ער איבער,
און מאָנט ניט באַ קיינעם קיין שכר ;
די צייט — זי צעאַקערט זיין פּנים און רייפט אים,
מיט צוויט זי באַלוינט אים דערפאַר . . .

פון קיינעם ניט דערמאָנט

מיט אויגן אויפגעריסענע, אין אַ נעץ פון ליכט —
שפּאַן איך דרייסט דעם טאָג אַנטקעגן
אויף די וועגן פון מיין לאַנד,
און איך ז ע און איך אַ ז ן דעם שטורם וואָס קומט,
און איך ה ע ר און איך ש פּ אַ ן
מיט דעם שטורם מיט . . .

וועלדער אויפגעברויזטע, קינדער פון מיין שטאַם —
זינגען־אויף מיט אַלע גלידער,
ווי שטורם איבער ים —
מיט רויטע פאָנען און מיט העלע לידער
די יום־טוב פרייד וואָס קומט אַהער,
די יום־טוב פרייד — און גאָרניט מער . . .

דער קיילעך פון דער ערד ווערט געטריבן פון הענט,
פון הענט ה אָ ר ע פּ אַ ש נ ע — צו אַ באַשטימטן ציל,
און עס ווערן אָפּגעווישט מחיצות פון ווענט,
פון ראַסן און פון קלאַסן, פון אָרים און פון רייך —
און „מענטש" ווערט דערהויבן צו דער ה ו י ך פון מ ע נ ט ש,
און מענטש ווערט פאַרברידערט צו אַלעמען גלייך.

איבער שטעט און דערפער, דורך פעלדער און פאַבריקן —
העלט־אויף דער מאָרגן מיט ריזיקע טריט,
פאַר די וואָס ש אַ פ ן און גייען מיט אים מיט!
און דער וואָס איז פאַר׳עקשנ׳ט און היט זיין אייגן גליק,
און דער וואָס איז פאַר׳עקשנ׳ט און גייט מיט אונדז ניט מיט —
ווערט פאַרוואָרלאָזט און פאַרגעסן, ווערט פון קיינעם ניט דערמאָנט . . .

די וואָס זיינען מער ניט בלינד

איבער מיר גייט־אויף א שטורם,
און אין־מיר שטומט־אויף א ליד;
זעאונג פון א ווייטן חלום,
אין דער אָוונט־זון צובליט.

אויף די וועגן זע איך מחנות,
מחנות — אויפגעברויזט אין רויט ;
קעגן שונא — קעגן הימל,
וואָס האָט זיך מיט נאַכט צובלויט.

און מיין ליד — מיין האַרץ, אינמיטן,
בלוטיקט אויף דער וואָר מיט פרייד;
צו דעם ריטם פון די מחנות
שלאָגט מיין האַרץ פאָראויס און גייט

צו דעם חלום פון די צייטן,
וואָס באַלויכט דעם וועג אצינד;
און מיר גריסן די פון ווייטן —
די וואָס זיינען מער ניט בלינד . . .

האַרבסט

סעפּטעמבער־זון האָט דאָ איר גאָלד צושאָטן
אין שאָטן פון בערג, איבער גרינע לאָנען ;
ס'האָט דאָס לעבן זיין רייפקייט אָנגעבאָטן
דעם הונגער, וואָס האָט דעם אָנבאָט פאַרשטאַנען . . .

ס'האָבן מידע הענט מיט לוסט זיך געצויגן
צו רייפע אויבסן, איבער אַלע וועגן ;
ס'איז פּלוצים אַ קראָ פון ווייט אָנגעפלויגן,
מיט חוצפּה געוואָרנט : — זיך ניט דערוועגן !

זייגען הענט און מיילער פאַרשטאַרצט געבליבן,
מיט ווייטיק און פּיין כמעט זיך פאַרלוירן ;
האָט די נויט זיך צופלאַמט און ווילד געטריבן
דעם הונגער, צום אויפשטייג פון ניי־געבוירן.

האָבן די הענט זיך מיט דראָאונג געהויבן
אַנטקעגן די שונאים פון אַלע צייטן ;
ס'האָט דער הונגער ניט געלאָזט זיך פאַרטויבן,
דעם שונא באַפאַלן פון אַלע זייטן . . .

דיינע לידער

דיינע לידער בליען אין א וואַלד פון יונגע קעפּ.
דיינע לידער ברויזן צו דעם טאַקט פון פעסטע טריט.
און דו, א באַרווישטער — ווי סאָלדאַט מאַרשירסט אין סטעפּ,
און אַ שטאָלצער גייסטו מיט די לידער דיינע מיט

איבער אָרימע קוואַרטאַלן, איבער בערג און טאָל —
מיט אַ פאָן איבער זיך און אַ שטורקאַץ אין דער האַנט,
(ווי עס זיינען דיינע זיידעס געגאַנגען אמאָל
איבער ווייט־ווייטע סטעפּעס, צו זוכן זיך אַ לאַנד). —

צו לויכטן אויף די וועגן, צו באַלייכטן די וועלט —
וואָס בליט ווי דיינע לידער, ווערט אויפסניי איצט איינגעשטעלט.

מ י ר

צום צוויי יאָריקן פרייהייטס־קאַמף אין שפּאַניע

מיר — די זין און טעכטער פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער;
מיר — די פאַקעל־טרעגער פון פרייהייט, די העלזוער פון צייט;
מיר — מענער און פרויען פון אַלע קאָנטינענטן און ראַסן,
טראָגן זיך ווי אָדלערס היינט אַהער, פון נאָענט און פון ווייט —
דעם שונא צו באַקעמפן, אויף תמיד באַזיגן, פאַרהאַסן.

מיר קומען פון מזרח, פון מערב, פון צפון און דרום,
מיר קומען אויף דעם רוף פון דעם לעבן דעם פאַרשווועכטן!
מיר קומען זיך שלאָגן מיט שונא, דין וחשבון מאָנען
פאַר דעם נאָמענלאָזן העלד, וואָס איז געפאַלן נעכטן.

מיר קומען באַרוועסע און נאַקעט צו דעם פראָנט זיך שטעלן,
מיר — מענער און פרויען, אַט — ווי מיר שטייען און גייען!
זאָל שונא זיך פאַרמעסטן קעגן אונדז מיט זיין כלי זין,
מיר זיינען גרייט זיך שלאָגן מיט די גרעסטע אַרמייען!

די נאַכט

די נאַכט האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן אָנהאַלט פון דעם טאָג
און מיט חוצפה זיך אריינגעביסן אין זיין העלן ליכט.
דער טאָג האָט זיך געוואוירן : — דאָס איז אַלץ וואָס איך פארמאָג ! —
און מיט גבורה פון זיך אָפגעשלאָגן די נאַכט אומגעריכט.

די נאַכט איז ווי אַ פגר אויף דער ערד געבליבן ליגן
אין דעם שאָטן פון דעם טאָג וואָס האָט אויף די פיס זיך געשטעלט ;
דאָס לעבן האָט מיט רייץ זיך אַצינד גענומען וויגן
בא דעם אויפשטעל פון דעם טאָג, וואָס האָט אויפסניי זיך ברייט צוהעלט.

פּאַראַויס

מיר שפּאַנען־איין די טעג אין דינסט פון אונדזער ווילן,
אין אַן היימישן געזועט מיט זיך־אַליין.
מיר גייען דרייסט פאַראויס דעם שונא צו פאַרשטילן,
דעם שונא וואָס לויערט מיט געפּאַר פון אַלע זייטן —
פּאַראויס מיר גייען, גייען און גייען.

מיר טראָגן הויך די קעפּ צו ווייטערדיקע זיגן,
און ווישן אָפּ מחיצות צווישן מענטש און מענטש.
מיר שרעקן זיך ניט אָפּ מיט שונא זיך צו קריגן
אויף לעבן און טויט, פאַר אונדזערע זיגן —
פּאַראויס מיר גייען, גייען און גייען.

צו פּיליס׳ן

לערן זיך באַם האָן
און ווי ער זאָג אָן,
אַז טאָג קומט אָן.

וועק זיך אויף פון שלאָף
און שאַל־אויס דעם רוף
פון דיין באַרוף.

צעוויג זיך מיט פרייד
ווי אַ גלאָק אָן רייד,
געזונטערהייט.

צעזון זיך מיט זון
און ווי זי זאָג אָן:
דער טאָג קומט אָן!

דזשאַן

דער באַגינען האָט מיט א פלעדערוויש דאָס לעצטע ביסל נאַכט פאַרווישט
און מיט אויגן דורשטיקע אין דער שטוב אריינגעקוקט,
און דעם אָנזאָג אויף טאָג מיט ליכט אויפגעהעלט,
דעם אָנזאָג אויף טאָג מיט פראָסט אויפגעשפּילט. —

אין אַ ווינקל פון שטוב, אויף אַן הארטער קאַנאַפּע, —
האָט דזשאַן אין אַ מידיגקייט דערוואַכט.
אין אַ ווינקל פון שטוב, אויף אַ דיל אַ פּוסטן —
האָט די נויט גע׳חוזק׳ט און געלאַכט

פון דזשאַנ׳ן, וואָס האָט זיך געקניטשט באַם אָנזאָג אויף טאָג,
זיך נישט געאיילט אַרונטער פון בעט.
ער האָט קוים באַוואויגען זיינע רומאַטישע פיס,
שטיל געגעניצט און צו זיך גערעדט . . .

דער זייגער האָט אויפגעקלונגען די זעקסטע שעה,
און דזשאַנ׳ן דערמאָנט וואו ער איז אין דער וועלט.
דזשאַן איז האַלב-פאַרשלאָפן אַראָפּ פון זיין געלעגער,
ווי אַ שיכור קעגן שפּיגל זיך געשטעלט —

און מיט אַ שטומפּיקן ראַזיר-מעסער, מיט אַ פּראָסטן שטיקל זייף —
האָט ער אין איילעניש זיך אָפּגעגאָלט.
ער האָט אַ הייסע גלאָז קאַווע אין זיך אַריינגעגאָסן,
און זיך-אַליין פון הויז אַרויסגעיאָגט.

דער פּראַקטיקער באַגינען האָט אים אַ ברי געטאָן די הענט,
מיט וועלכע ער האָט אויפגע'קרענק'ט זיין אויטאָ-וואָגן —
און אַז ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין איילעניש אין וועג,
האָט די קעלט אים ערשט גענומען בייטשן און יאָגן.

זיינע הענט האָבן זיך פאַרפראָסטיקט צו דעם רעדל פון מאַשין,
און זיך שפּיזלדיק געוויטיקט אונטער דער הויט;
די ווייסקייט פון דעם שניי האָט אים פאַרבלענדט די אויגן,
דער וועג האָט זיך מיט רייץ אין דער ווייטקייט געבלויט. —

דזשאָן האָט זיך ארומגעיאָגט איבער שניי פאַרוויטע גאַסן,
און קויטיקע וועש פון קויטיקע הייזער אויפגעקליבן;
ס'האָבן היימישע באַלעבאָסטעס מיט פרייד אים אויפגענומען,
און ער האָט זיין עלנט, ווי תמיד מיט שווייגן פאַרשריבן . . .

ביז ער איז פאַרפאָרן קעגן אָוונט צו זיינעם אַ חבר,
וואָס האָט דזשאַנ׳ן אויפגענומען מיט אַן אומגעריכטער פרייד;
און אַז דזשאַן האָט זיך באַפליגלט מיט דער זעאונג פון אַ חלום,
האָט ער פון דאַן זיך שוין קיינמאָל מיט דער זעאונג ניט געשיידט . . .

דזשאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין פאַרשנייטן פעלץ,
זיינע אויפגעווייסטע וואָנצן מיט אַ טיכל אָפּגעווישט —
און אַז ער האָט זיך פאַרהיימליכט מיט דער פלייצע צו דעם אויוון,
האָט ער ווי אונטער דער נאָז אַ פרעג געטאָן:
„נו, וואָס הערט זיך — חבר?״ —
און דערביי זיך צושמייכלט מיט אויפגעיונג׳טע אויגן,
און דערביי זיך צורויטלט ווי אַ קינד — — —

אויף פאַרקאָוועטע פענצטער האָט דער בין השמשות זיין ליד אויסגעזונגען,
אין אַן אָנזאָג אויף א מורא׳דיקן פראָסט.
דזשאַן האָט זיינע וואָנצן אין הייסער טיי געטונקען,
זיינע פיס באַוואויגן ארויף־און־אַראָפּ . . .

און אַז דער זייגער האָט די פינפטע שעה אויסגעשלאָגן,
האָט ער זיין פעלץ אויף זיך ארויפגעצויגן
און צו זיך אַהיים אַוועק.

פאַר וועמען

פאַר וועמען די טעג זיינען שוואַרץ ווי די נאַכט,
פאַר וועמען עס חרוב'ט דאָס לעבן אין גאַנג ;
פאַר מיר גייט די זון אויף מיט פרייד און זי לאַכט,
און איך, אויף די וועגן — גיי־אויף מיט געזאַנג

אַנטקעגן דעם ווינט, וואָס בייטשט אָן אַן אויפהער,
אַנטקעגן דעם חשך — וואָס שרעקט מיט געפאַר,
מיט אימפעט מיט יונגען, אַלץ מערער און מער —
כאָטש שונא איז „חכם" און איך בין דער נאַר . . .

פון פרעמדע קוואלן

(אינהאלט)

מאַרגערעט ווילקינסאָן:
דאָס געזאַנג אונטער דעם פרייען הימל

אַנאָנים:
קעגן אויפגאַנג — א נעגעריש פאָלקס ליד

דזשעימס וועלדאָן דזשאָנסאָן:
מעשה בראשית

אַנאָנים:
אַן אַמעריקאַנער פאַסטוך־ליד

לענגסטאָן יוז:
אין פּראָצעס פון ווערן אַלט
אויך איך —
דזשעזאַניע
שפּייקעסטלעך פון מעש

וו. אי. בורגהארדט דיו בויז:
א תפלה פון אטלאַנטאַ

פון דער מאָדערנער כינעזישער דיכטונג

KUO MO-JO

דאָס תחית המתים געזאַנג פון פענג־יואַנג

(א) פאָרשפּיל
(ב) דאָס געזאַנג פון פענג
(ג) דאָס געזאַנג פון יואַנג
(ד) דאָס געזאַנג פון דעם האָן
(ה) דאָס געזאַנג פון פענג און יואַנג

CH'EN MENG-CHIA

דאָס ליד פון דעם ווינט־גלאָק

דאָס געזאַנג אונטער דעם פרייען הימל

גאָט פון אומעטיקע נעכט
גאָט פון פרעכטיקע פרימאָרגנס,
גאָט פון רואיקער לבנה,
נעם צו מיין דאַנק און ליבּ !

ווייל דאָרט וואו דער אָפּגאַנג האָט געשטורמט מיט פּאַראַכטונג,
בין איך דורכגעגאַנגען אומבאַשעדיקט און איבערגעפילט מיט וואונדער.
דאָרט וואו עס חלום'ן די טייכלעך אונטער ווערבעס,
בין איך אומגעשוואומען פון לעבן פאַר'שיכור'ט.

גאָט פון רונדע בערגלעך,
גאָט פון גרינע טאָלן,
גאָט פון ריינע קוואַלן,
נעם צו מיין דאַנק און ליבּ !

ווייל דאָרט וואו עס פּאַשען זיך די הירשן, האָב איך יאַגעדעס געגעסן,
וואו די הירשן טרינקען האָב איך טיף גע'שיכור'ט
ווען דער שטורם האָט אויפגעקראַכט אונטער די הימלען —
און אונטער לויטערע הימלען האָב איך געשווימט מיט פרייד !

גאָט פון שטאָלצע בוימער,
גאָט פון ווילדע גראָזן,
גאָט פון קליינע בלומען,
נעם צו מיין דאַנק און ליבּ !

ווייל דאָרט וואו עס כאָוועט זיך דער הירש און דער ביבער שפּרינגט אַרום,
באַם ראַנד פון דעם טייך האָב איך מיין ביידל אויפגעשטעלט ;
וואו די סאָסנעס פאַרשפּרייטן אַראָמאַטישע נאָדלען
אויף אַ שטילן באָדן, האָב איך זיך געזעטיקט מיט רו.

גאָט פון אומעטיקע נעכט,
גאָט פון פרעכטיקע פרימאָרגנס,
גאָט פון רואיקער לבנה,
נעם צו מיין דאַנק און ליבּ !

מאַרגאַריט ווילקינסאָן.

קעגן אויפגאַנג פונ׳ר זון

(א נעגעריש פאלקס־ליד.)

מיר װעלן אַלע זינגען יענעם טאָג,
מיר װעלן אַלע זינגען יענעם טאָג,
און איך׳ל פאלן אויף מײנע קני
קעגן אויפגאנג פונ׳ר זון,
אָ לאָרד, דערבאַרם זיך אויף מיר.

מיר װעלן טרינקען װײן אין יענעם טאָג,
מיר װעלן טרינקען װײן אין יענעם טאָג,
און איך׳ל פאלן אויף מײנע קני
קעגן אויפגאנג פונ׳ר זון,
אָ לאָרד, דערבאַרם זיך אויף מיר.

מיר װעלן עסן ברויט אין יענעם טאָג,
מיר װעלן עסן ברויט אין יענעם טאָג,
און איך׳ל פאַלן אויף מײנע קני
קעגן אויפגאַנג פונ׳ר זון,
אָ לאָרד, דערבאַרם זיך אויף מיר.

מיר װעלן אַלע דאַװ׳נען יענעם טאָג,
מיר װעלן אַלע דאַװ׳נען יענעם טאָג,
און איך׳ל פאַלן אויף מײנע קני
קעגן אויפגאַנג פונ׳ר זון,
אָ לאָרד, דערבאַרם זיך אויף מיר.

אַנאָנים.

מעשה בראשית

אַ נעגערשע דרשה

און גאָט האָט אויפגעטאָגט אין רוים,
און ער האָט זיך ארומגעקוקט און אויסגערופן:
איך בין איינזאַם —
כ'וועל מיר באַשאַפן אַ וועלט.

און אזוי ווייט ווי דאָס אויג פון גאָט האָט געזעען
איז אַלץ געווען אין חשכות פארהילט,
חשך'דיקער פון הונדערט מיט-נעכט
באַם ראַנד פון אַ ציפּרעס-זומפּ.

גאָט האָט דאַן זיך ערשט צושמייכלט
און דאָס ליכט האָט אויפגעטאָגט;
דער חשך האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט
און דאָס ליכט האָט באלויכטן דעם גאַנצן אַרום,
און גאָט האָט געזאָגט: ס'איז גוט!

און דאַן האָט ערשט גאָט באַצוואונגען דאָס ליכט,
און גאָט האָט דאָס ליכט מיט די הענט ארומגעראָלט
ביז ער האָט באַשאַפן די זון;
און ער האָט די זון באַזעצט מיט אויפפלאַם אין הימל.
און דאָס ליכט וואָס איז פאַרבליבן פון מאַכן די זון
האָט גאָט אויפגעזאַמלט אין אַ לויכטנדיקער קויל
און עס אַ שליידער געטאָן אַנטקעגן דעם חשך,
און די נאַכט באַפּליטערט מיט לבנה און שטערן.

און פּונקט אינמיטן,
צווישן חשך און ליכט —
האָט ער די וועלט אַרײַנגעשלײדערט.
און גאָט האָט געזאָגט: ס'איז גוט!

דערנאָך האָט גאָט אַלײן אַראָפּגענידערט —
און די זון איז געווען אויף זײַן רעכטער האַנט,
און די לבֿנה אויף דער לינקער;
די שטערן האָבן זיך פֿאַרטשובעט אַרום זײַן קאָפּ,
און די ערד האָט זיך געשפּרײט אונטער זײַנע פֿיס.
און גאָט האָט אַרומגעשפּאַצירט, און וואו זײַן פֿוס איז נאָר געטראָטן
האָט ער מיט זײַנע פּוסטריט אויסגעהוילט די טאָלן
און די בערג אויפגעטורעמט אין דער הויך.

דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזען
אַז די ערד איז היים און וויסט.
איז גאָט אַוועק צו דעם ראַנד פֿון דער וועלט
און אויסגעשפּיגן די זיבן ים'ן —
ער האָט אַ פֿינטל געטאָן מיט די אויגן — און די בליצן האָבן
אויפגעבליצט.
ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — און די דונערס האָבן
אויפגעקראַכט.
און די וואַסערן פֿון איבער דער ערד זײַנען אַרונטערגעקומען,
די קילנדיקע וואַסערן זײַנען אַרונטערגעקומען.

דערנאָך האָט אויפגעשפּראָצט דאָס גרינע גראָז,
און די קלײנע רויטע בלומען האָבן אויפגעבליט;
דער סאָסנע-בוים האָט זיך צעפֿינגערט אַנטקעגן דעם הימל,
און דער דעמב האָט זײַנע אָרעמס אויסגעשפּרײט;
די אָזיערעס האָבן זיך פֿאַרטוליעט צו די טאָלן פֿון אונטן,
און די טײַכן האָבן זיך אין ים אַרײַנגעגאָסן.
און גאָט האָט זיך ווידער צושמײכלט —
דער רעגנבויגן האָט זיך באַוויזן
און זיך אַלײן פֿאַרפֿלאָכטן אויף זײַן פּלײצע.

דערנאָך האָט ערשט גאָט זיין אָרעם אויפגעהויבן און א וויג געטאָן
זיין האַנט

איבער דעם ים און איבער דעם לאַנד,
און ער האָט געזאָגט: קומט אויף! קומט אויף!
און איידער גאָט האָט נאָך באַוויזן זיין האַנט אַראָפּצולאָזן,
האָבן פיש און עופות
פי און פייגל
זיך באַוויזן איבער טייכן און ים׳ן,
ארומגעוואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער
און די לופט אויפגעריסן מיט זייער געפליגל.
און גאָט האָט געזאָגט: ס׳איז גוט!

דערנאָך האָט גאָט ארומגעשפאצירט,
און גאָט האָט זיך ארומגעקוקט
אויף אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן;
ער האָט געקוקט אויף זיין זון
און ער האָט געקוקט אויף זיין לבנה,
און ער האָט ארויפגעקוקט צו זיינע קליינע שטערן;
ער האָט געקוקט אויף זיין וועלט
מיט אלע זיינע לעבעדיקע באַשעפענישן,
און גאָט האָט געזאָגט: כ׳בין נאָך אַלץ איינזאַם·

דערנאָך ערשט האָט זיך גאָט אוועקגעזעצט —
באַם ראַנד פון אַ בערגל וואו ער האָט געקאָנט טראַכטן.
לעבן אַ טיף-ברייטן טייך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ;
מיט דעם קאָפּ אויף זיינע הענט
האָט גאָט געטראַכט און געטראַכט,
ביז ער האָט צו זיך געזאָגט: כ'וועל מיר באַשאַפן אַ מענטש !

פון דער טיפעניש פון טייך
האָט גאָט דאָס ליים ארויפגעבראַכט ;
און באַ דעם ברעג פון דעם טייך
האָט ער עס אויסגעקנאָטן ;
און דאָרט האָט דער אַלמעכטיקער גאָט
וואָס האָט אָנגעצונדן די זון און אין הימל איר באַזעצט,
וואָס האָט צעוואָרפן די שטערן איבער די ווייטסטע ווייטן פון דער נאַכט,
וואָס האָט אויסגערונדיקט די ערד אויף דער דאָלאָניע פון זיינע הענט;
אָט דער אַלמעכטיקער גאָט,
ווי אַ מעמי וואָס בויגט זיך איבער איר קינד —
האָט ארונטערגעקניט צו דעם שטויב
און געפּראַצעוועט איבער אַ שטיק ליים
ביז ער האָט עס אויסגעשטאַלטיקט אין זיין אייגענעם געשטאַלט ;
דערנאָך האָט ער אין דעם אריינגעבלאָזן דעם אָטעם פון לעבן,
און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער וועזן.

אמן. אמן.

דזשיימס וועלדאָן דזשאָנסאָן.

אַן אַמעריקאַנער פּאַסטוך־ליד

איך קען נישט זיין אינגאַנצן רואיק,
אזוי זיכער מיט דיר
סינאָריטא,
כ׳בין פּאָרט אָבער זיכער ווּעסט ווערן מילד
און קומען צו מיר,
לאָליטא !

די קאַבאַלעראָס שטופּן זיך זען
דיין ליכטיק פּנים
סינאָריטא,
לאָליטא.
כ׳ווייס אָבער זיכער אז דיין האַרץ איז פאַר מיר,
דיין רייץ און דיין חן —
לאָליטא !

איך רייט צוליב דיר אין דער ווייטקייט ארום
געלט צו פאַרדינען
סינאָריטא,
לאָליטא ;
איך גאַנווע דעם שכנ׳ס קי אַוועק
צו פירן אַ ווירטשאַפט און דיך האַלטן לעבן זיך
לאָליטא.

אַנאָנים.

אין פּראָצעס פון ווערן אַלט

דאָס איז געווען שוין לאַנג צוריק.
כ׳האָב כמעט פאַרגעסן אָן מיין חלום.
ס׳איז אָבער פּאָרט דאַן געווען
קענגנאיבער מיר,
העל ווי די זון —
מיין חלום.

דערנאָך איז די וואַנט אויסגעוואָקסן,
לאַנגזאַם אויסגעוואָקסן,
לאַנגזאַם
צווישן מיר און מיין חלום,
לאַנגזאַם אויסגעוואָקסן, לאַנגזאַם
זיך טונקלענדיק,
פאַרהוילנדיק
דאָס ליכט פון מיין חלום.
די וואַנט איז אויסגעוואָקסן הויך —
אַזש ביז צום הימל.

שאָטן.
איך בין שוואַרץ.

איך צי זיך אוים אין שאָטן.
דאָס ליכט פון מיין חלום גייט מיר שוין מער נישט פּאַראוים,
איבער מיר ;
בלויז די טריבע וואַנט,
בלויז דער שאָטן.

מיינע הענט !
מיינע שוואַרצע הענט !
ברעכט דורך די וואַנט !
געפינט מיין חלום !
העלפט מיר אויפרייסן דעם חשך,
צושטערן די נאַכט,
צושמעטערן דעם שאָטן
אויף טויזנט ליכט פון דער זון,
אויף טויזנט ליכטיקע חלומות
פון דער זון !

אויך, איך

אויך איך, זינג אַמעריקאַ.
איך בין דער שוואַרצער ברודער.
זיי שיקן מיך עסן אין קיך
ווען ס׳קומען געסט,
נאָר איך לאַך
און עס געשמאַק,
און וואַקס אַ העלד.

מאָרגן,
ווען געסט וועלן קומען —
וועל איך זיצן באַם טיש.
קיינער וועט נישט וואַגן
מיר צו זאָגן,
„עס אין קיך,״
דאַן.

נאָך אַלעמען נאָך
וועלן זיי איינזען ווי שיין איך בין,
איך בין אויך — אַמעריקאַ.

דזשעזאָניא

אָ, זילבער בוים !
אָ, שפיגלדיקע טייכן פון דער נשמה !

אין א האַרלעם-קאַבאַרעט
זעקם הויכקעפיקע דזשעזערס שפילן.
אַ טאַנץ-מיידל וועמנס אויגן זיינען פרעך
פאַררייסט דאָס קליידל פון זיידן-גאָלד.

אָ, זינגענדיקער בוים !
אָ שפיגלענדיקע טייכן פון דער נשמה !

זיינען חוה'ס אויגן
געווען אביסל צו פרעך
אין דעם סאַמע ערשטן גאָרטן ?
איז קלעאָפּאַטרע געווען פרעכטיק
אין אַ קלייד פון גאָלד ?

אָ, לויכטנדיקער בוים !
אָ, זילבער-טייכן פון דער נשמה !

אין אַ ווירבלענדיקן קאַבאַרעט
זעקם הויכקעפיקע דזשעזערס שפילן.

שפּייקעסטלעך פון מעש

רייניק אוים די שפּייקעסטלעך בחור.

דעטרויט,
שיקאַגע,
אַטלאַנטיק סיטי,
פּאַלם ביעטש.
רייניק אוים די שפּייקעסטלעך.

די פּאַרע פון די האָטעל־קיכן
און דער רויך פון די האָטעל־זאַלן,
און דער שמוץ פון שפּייקעסטלעך —
אַ טייל פון מיין לעבן.

העי, בחור!
אַ ניקל,
אַ דאַים,
אַ דאָלער,
צוויי דאָלער אַ טאָג.

העי, בחור !
א ניקל,
אַ דאַים,
אַ דאָלער,
צוויי דאָלער
קויפן שיך פאַר דעם קינד.
צאָלן דירה-געלט.
שנאַפּס אויף שבת,
קירכע אויף זונטיק.
מיין גאָט !

קינדער און שנאַפּס און קירכע
און פרויען און זונטיק
אַלץ אינאיינעם מיט דאַימס און
דאָלערן און שפּייקעסטלעך ריינע
און דירה-געלט צו צאָלן.

העי, בחור !

אַ גלאַנציקע שיסל פון מעש איז שיין פאר דעם לאָרד.
שיין פּאָלירטער מעש — ווי די צימבלען
פון דוד המלך׳ס טענצערס,
ווי די וויין-בעכער פון שלמה׳ן
העי, בחור !

אַ ריין שפּייקעסטל אויף גאָטס מזבח.
אַ ריין שפּייקעסטל אינגאַנצן ניי-פּאָלירט —
דאָס אַמווייניקסטנס קען איך מנדר זיין.

קום אהער, בחור !

לעוגסטאָון יוז.

אַ תּפלה פון אַטלאַנטאַ

גערשריבן אין אַטלאַנטאַ, אין טאָג פון טויט, 1906

אָ שטילער גאָט, דו וועמנס שטימע פונוויטנס האָט אין נעפּלהאפטן סוד אונדזערע אויערן פארהונגערטע איבערגעלאָזט אין אָט די מורא'דיקע טעג —

הער אונדז אויס, גוטער גאָט!

הער זיך צו צו אונדז, דיינע קינדער: אונדזערע פּנים'ער פארשוואַרצט פון יאוש זיינען אויסגעזעצט צו חוזק אין דיין קדשי קדשים. מיט אויפֿגעהויבענע הענט דערנענטערן מיר זיך צו דיין הימל, אָ גאָט, אין א געשריי:

מיר בעטן דיך אונדז אויסצוהערן, גוטער גאָט!

מיר זיינען נישט בעסער פון אונדזערע מיטמענטשן, גאָט, מיר זיינען בלויז שוואַך און מענטשן ווי מענטשן. ווען אונדזערע רשעים טוען רשעות, לעסטערן דיך דעם באַשעפער און די טאַט: לעסטער זיי ווי מיר לעסטערן זיי, צווינג אויף זיי ארויף אַלץ און מער וואָס זיי האָבן ווען עס איז אָפּגעטאָן דער אומשולד און שוואַכקייט, צו דער פרויענשאַפט און היים.

האָב אויף אונדז רחמנות, אומגליקלעכע בעל עבירה'ניקעם!

וועמנס חטא איז פונדעסטוועגן גרעסער? ווער האָט באַשאַפן די אַלע רשעים? ווער האָט זיי אויפגעכאָוועט אין זינד און זיי געשפייזט מיט אומגערעכטיגקייט? ווער האָט פארגוואַלטיקט און פאַרפירט זייערע מאַמעס און באָבעס? ווער האָט געקויפט און פארקויפט זייערע פאַרברעכנס, און געוואָרן פעט און רייך אויף אַן אומגערעכטן אופן?

דו ווייסט, גוטער גאָט!

איז דיין יושר, אָ פאָטער, אז דער שקרנות זאָל גרינגער זיין פון דער אומשולד, און די אומשולד זאָל ווערן געקרייציקט פאַר דער שולד פון דעם פאַרברעכער?

יושר, אָ שופט פון מענטשן!

צוליב וואָס בעטן מיר? איז נישט צומאָל טויט דער גאָט פון די אבות? האָבן קיין זעערס נישט געזען אין די זאַלן פון די הימלען דיין מטה און לעבנסלאָזע פאָרם פארשטאַרצט אינמיטן דעם שווארצן און זיך קרייזלענדיקן רויך פון זינד, וואו עס בוקן זיך דורכאויס ביטערע פאָרמען פון ענדלאָזן טויט ?

וואַך אויף, דו וואָס שלאָפסט !

דו ביסט נישט טויט, נאָר ווייט אוועקגעפלויגן, בארג־ארויף אין ענדלאָזן ליכט דורך די פלאַמענדיקע קאָרידאָרן פון זונען, וואו עס שווינגען זיך וועלטן פון גוטע און איידעלע מענטשן, פון פרויען שטארקע און פרייע — ווייט פון דעם שווינדל, שווארצער צביעות און צניעות׳דיקער זנות פון אָט דעם שענדלעכן פלעק פון שטויב !
באַווייז זיך ווידער, אָ גאָט, לאָז אונדז נישט אומקומען אין אונדזערע זינד !

באפריי אונדז, גרויסער גאָט,
פון דער תאוה פון גוף און תאוה פון בלוט !

באַפריי אונדז, גרויסער גאָט,
פון דער תאוה צו מאַכט און תאוה צו גאָלד !

פון דעם בונד פון שקר, טיראַניי און גראָבקייט,
באַפריי אונדז, גרויסער גאָט !

אָ שטאָט איז געליגן אין מי, גאָט אונדזער גאָט, און פון אירע לענדן איז אויפגעקומען מערדעריי און שווארצע שנאה. די מיטנאַכט איז געווען רויט; אַ שאַלן, אויפברוך און געשריי פון טויט און אויפרעגונג האָט אויפגעריסן די לופט און אויפגעציטערט אונטער די שטערן ווען די קירבן־שפּיצן האָבן שטיל זיך געריסן צו דיר. און דאָס איז פאָרגעקומען צוליב דעם, אז עס זאָל זיך באשטעטיקן די תאוה פון נייגעריקע מענטשן וואָס באהאלטן זיך אונטער דעם שלייער פון נקמה.

פאַרנויג צו אונדז דיין אויער, אָ גאָט !

אין דעם בלייכן שטילן פרימאָרגן האָבן מיר באַטראַכט דעם אַקט. מיר האָבן אויפגעשטעלט די אויערן און אויסגעשטרעקט באַוועגלעכע אָרעמס, נאָר זיי — האָבן זיי נישט אוועקגעדרייט זייערע קעפּ, מאָדנע געוואונקען און אויפגעשריגן מיט בלוטיקע קינבאַקן: שטעלט אָפּ דעם פאַרברעכן ! דאָס וואָרט האָט געאָטעמט מיט חוזק, ווייל אזוי כאָוועט זיי אויס הונדערט פאַרברעכנס בשעת מיר באַזייטיקן איינעם.

באַפריי אונדז ווידער פון געפאַנגענשאַפט, אָ גאָט !

זע די פאַרקריפּלטע שברי כלי; טייערער גאָט, ס'איז געווען אַ געהאָרכ־זאַמער שוואַרצער מענטש וואָס האָט געהאָרעוועט און געשוויצט אויף אָפּ־צושפּאָרן אַ ביסן פון דעם חלק וואָס מ'האָט אים צוגעטיילט. זיי האָבן אים געזאָגט: אַרבעט און דערהויב זיך. ער האָט גע־אַרבעט· האָט אָט דער מענטש געזינדיקט? ניין. נאָר עמיצער האָט דער־ציילט ווי אַזוי אַ צווייטער האָט דערציילט וואָס אַן אַנדערער האָט געטאָן — איינער, וועמען ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געזען און אַפילו קיינמאָל נישט געקאָנט. פונדעסטוועגן ליגט יענער מענטש צעקריפּלט און דערהאַרגעט פאַר יענעמס פאַרברעכן, זיין פרוי — נאַקעט און פאַרשעמט. זיינע קינ־דער זיינען אויסגעזעצט צו אָרימקייט און רשעות.

הער אונדז אויס, אָ הימלישער פאָטער!

שטינקט נישט אָט דער יושר פון גיהנם אין דיינע נאָזלעכער, אָ גאָט? ווי לאַנג זאָל דער אויפשטייגנדיקער מבול פון אומשולדיק בלוט רויִשן אין דיינע אויערן און שלאָגן אין אונדזערע הערצער נאָך נקמה? זאַמל־אויף דעם בלייכן וואַנזין פון בלוט־משוגע'נע היות אין געשטאַלט פון מענטשן, וואָס פירן דורך אַזעלכע אַקטן אויף דער הויך פון דיין מזבח, יעהאָווע פאַרזאָרגער, און פאַרברען עס אין גיהנם לעולם ועד!

פאַרגיב אונדז, גוטער גאָט, מיר ווייסן נישט וואָס מיר ריידן!

מיר זיינען צומישט, פון ליידן געטריבן, ווילד מיט דער משוגעת פון אַ פאַרגוואַלטיקט און פאַר'חוזק'ט אויסגעמאָרעט פאָלק; אָנגעלענט אויף דעם פאַרענטש פון דיין קינגרייך, הויבן מיר אויף אונדזע־רע געפּענטעטע הענט און קלאַפּן דיך אָן, גאָט, דורך דעם געביין פון אונד־זערע גענאַנוועטע פאָטערס, דורך דעם געוויין פון אונדזערע טויטע מוטערס, דורך אונדזער אייגן בלוט: וואָס מיינט עס? דערצייל אונדז דעם סוד; גיב אונדז דעם צייכן!

אָ שווייג נישט, שווייג נישט גאָט!

זיי מער נישט בלינד, גאָט, צו אונדזער געבעט, און זיי נישט תמ'עוואטע צו אונדזערע תמ'עוואטע ליידן. דו אַליין ביסט זיכער אויך נישט ווייס, אָ גאָט, אַ בלייך, בלוטלאָז און האַרצלאָז באַשעפעניש?

אַך! גאָט פון כולו רחמים!

פאַרגיב דעם געדאַנק! פאַרגיב די ווילדע לעסטערונגס ווערטער. דו ביסט נאָך אַלץ דער גאָט פון אונדזערע שווארצע פאָטערס, און אין ד י י ן נשמה רוען אודאי די וויכע טונקלקייטן פון דעם אָוונט, א טייל פון דעם שאָטנדיקן זייד פון דער נאַכט.

נאָר ווהיספּער — רייד — רוף, גרויסער ג אָ ט, ווייל דיין שטיל־זיין איז ווייסער שרעק פון אונדזערע הערצער! דעם וועג, אָ ג אָ ט, באַווייז אונדז דעם וועג, באַווייז.

וואוהין? דער צפון איז גיריק און דער דרום איז כולו בלוט; אינער־לי ך— דער חפּדן, און אויסערליך — דער שקרן. וואוהין? צום טויט ?

אמן! ברוך הבא פינצטערער שלאָף !

וואוהין? צום לעבן? אָבער נישט צו אזא לעבן, טייערער ג אָ ט, נישט צו אַזאַ לעבן. נעם אוועק פון אונדז דעם בעכער, רייץ אונדז נישט אויף איבער אונדזערע כחות, ווייל עס רייסט זיך פון אונדזער אינגעווייד א הויכער געשריי, צו וועמנס קול מיר ווילן זיך נישט צוהערן, דערביי אָבער מוזן מיר אויפשוידערן פאַר שרעק, און ס׳איז רויט, אַך! ג אָ ט ! ס׳איז א רויט און שרעקלעך געשטאלט.

סלה !

דאָרט אין מזרח ציטערט אַ שטערן.
די נקמה איז מיינע; איך וועל באלוינען, זאָגט גאָט !
דיין ווילן, אָ גאָט, זאָל ווערן מקוים !
זיי זיך גאָט אויף אונדז מרחם !
מיר האָבן זיך גאָט מתחיב געווען דורך אונדזערע אומאַנטשלאָסענע רייד.
מיר בעטן דיך אונדז אויסצוהערן, אונדזער גוטער גאָט !
מיר פאַרנויגן אונדזערע קעפּ און פאַרנעמען דאָס שלוכצן פון פרויען און קליינע קינדער.
מיר בעטן דיך אונדז אויסצוהערן! אונדזער גוטער גאָט !
אונדזערע קולות פאַרזינקען אין נאַכט און שטילקייט.
הער אונדז אויס, גוטער גאָט !
אין דער נאַכט, אָ גאָט פון אַ גאָטלאָז לאַנד !
א מ ן !
אין שטילקייט, אָ שטילער גאָט !
ס ל ה !

וו. אי. בוירגהארדט דיו בויז.

פון דער מאָדערנער כינעזישער דיכטונג

דאָס תחית המתים געזאַנג פון פענג־יואַנג

אין אראביע געפינט זיך א געטלאכע באשעפעניש מיט דעם נאָמען פעניקס. נאָך דעם ווי ער לעבט אָפּ פינף הונדערט יאָר, קלייבט ער אויף א בינטל שמעקעדיק האָלץ, און ער מאַכט זיך אַ שייטער־הויפן פאַר זיין אייגענער לויה. דערנאָך ווערט ער ווידער לעבעדיק, און קריכט ארויס פון אַש רייצנדיק און שיין, אויף קיינמאָל שוין מער ניט צו שטאַרבן. ס'איז גאַנץ מעגליך אז אָט דער פעניקס פאַלט צונויף מיט דעם פאַבולאַרן פענג־יואַנג. ווייל אין דעם ק'ונג יען ט'ו איז בפירוש פארצייכנט, אז „פענג־יואַנג איז דער גייסט פון פייער, וואָס לעבט אין דער רויטער הייל". דער זכר רופט זיך — פענג. די נקבה — יואַנג. לויט דעם קואַנג יאַ קלינגט דאָס קול פון פענג ווי טשי־טשי, און דאָס קול פון יואַנג קלינגט ווי זו־זו.

אין דער עגיפּטישער מיטאָלאָגיע ווערט דער פעניקס אָדער פיניקס באצייכנט ווי א וואונדערלאַכער שיינער פויגל, וואָס האָט זיך אַליין פאַר־ברענט, ווען עס איז געקומען זיין צייט פון שטאַרבן, און איז ווידער לעבע־דיק און יונג געוואָרן פון דעם פארבליבענעם אש. עס מיינט אויך, דער עמבלעם פון אייביקן לעבן.

פּאָרשפּיל

הויך אין הימל, ניי-יאָר אָוונט,
פליט אַ פענג-יואַנג פּאָר הין-און-הער.
זיי פליגלען זיך אַוועק אין אַ געזאַנג פון צער
און קערן זיך אום מיט א פיבערדיק געדוך אין זייערע שנאָבלען.

אויף דעם באַרג-שפּיץ פון דער הייל דער רויטער, שטעלן זיי זיך אָפּ.
די וואו-ט׳אונג בוימער וועלקן באַם זייט,
אַ טרוקענער פרילינג פון ווייט.
פאָראויס — דער ים, אומענדליך, אומבאגרייפליך.
אַהינטער זיי — פאַרוואָרלאָזט ליגט דער פליין,
און אַ קעלט-כוואליע בייטשט דעם באַרג-שפּיץ אונטער אַ היטל פון אייז.

בשעת דער טאָג פאַרגייט, פלעקן דאָ זיך אין בורשטין
שמעקעדיקע צווייגלעך אָן אַ צאָל.
פענג איז אויסגעשעפּט פון זיין רייזע אין דער לופטן,
און יואנג ווערט שוואַך און שוואכער:
עס רוקט זיך אויף זיי אָן דער טויט!

אז פענג הויבט אָן צו פּיקן די שמעקעדיקע צווייגלעך
און עס בליצן־אויף אין רויט פונקען פייער,
פאַכט יואַנג זיי אַוועק מיט אירע פליגל
און זיי ווערן פאַרשלונגען פון זיילן רויך אין דער לופטן.

און אַז פענג פּיקט ראַשיק און צוקראַכן —
רוישט יואַנג און פאַכעט אָן אַן אויפהער ;
זי וועבט ארום דעם באַרג מיט אַ הויך פון גוטע ריחות,
און עס שימערט־אויף מיט ליכט דער גאַנצער ארום.

עס איז שוין שפּעט,
און שמעקעדיק האָלץ ברענט ווייט אין דער נאַכט.
פענג איז פאַרמאַטערט פון פּיקן,
און יואַנג קען מער ניט פאַכען :
עס דערנענטערט זיך דער טויט !

אַ פייגל, פאַראומערטע פייגל !

יואַנג טאַנצט הויך און שטיל,
און פענג זינגט אַ רירנדיק אומעטיק ליד.
זיי בייטן זיך פּלוצים :
פענג הויבט אָן צו טאַנצן און יואַנג הויבט אָן צו זינגען.
און אַ מחנה פּראָסטע פייגל
פליען אָן צו זייער לויה אונטער דעם הימל.

דאָס געזאַנג פון פענג

טשי־טשי, טשי־טשי,
טשי־טשי, טשי־טשי.
קאַלט ווי אייז איז די גרויסע וועלט.
שוואַרץ ווי פעך איז די גרויסע וועלט.
קרעפטיק ווי בלוט איז די גרויסע וועלט.

וועלט, אָ וועלט !
וואָס איז דער זין פון דיין עקזיסטענץ ?
פונוואַנען קומסטו ?
וואו איז דיין מנוחה ?
ביסטו באַגרעניצט אין דיין ספערע,
צי גאָר אומענדליך אין דיין גאַנץ־זיין ?
אויב דו ביסט באַגרעניצט אין דיין ספערע
אין וועלכער עס וואַרצלט דיין רוים,
טו זאָג: וואָס נאָך איז פאַראַן איבער דיר ?
אויב דו ביסט, פאַרקערט — אומענדליך און גאַנץ,
פונוואַנען זשע נעמט זיך דער שטח וואָס נעמט דיך ארום ?
און פאַרוואָס, זאָג — וואַקלט זיך דאָס לעבן אין דיין ברוסט ?
ביסטו באמת אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם,
צי גאָר אַ טויטער מאַשין ?

כ׳הויב־אויף מיין קאָפּ און פרעג בא דעם הימל,
נאָר דער הימל איז גואה׳דיק, אומוויסנד און נאַריש.
כ׳בויג אָן מיין קאָפּ און פרעג בא דער ערד —
די ערד ליגט שטום און טויט.
כ׳שטרעק אוים מיין קאָפּ און פרעג בא דעם ים —
קלאָגט הויך דער ים און קלאָגט.

אָ, אין דער געמיינער און טרויעריקער וועלט
שימלט אפילו אַ שווערד פון בריליאַנטן.
וועלט, אָ וועלט !
שפּיץ אָן דיין געהער צו מיין מעכטיקער קללה !
דו — פארבלוטיקט צואייטערט שלאַכטהויז.
דו —תפיסה פארשלונגען פון צער.
דו — קבר פון שרייענדיקע שאָטנס.
דו — גיהנם פון טאַנצנדיקע רוחות !
צוליב וואָס אייגנטליך באַדאַרפסטו עקזיסטירן ?
מיר פליען קיין מערב — דאָס שלאַכטהויז דאָסזעלבע.
מיר פליען קיין מזרח — די תפיסה איז דיזעלבע.
מיר פליען קיין דרום — ס׳איז דערזעלבער קבר.
מיר פליען קיין צפון — דערזעלבער טרויעריקער גיהנם.
און ווייל ס׳איז אונדז באַשערט אין אזאַ וועלט צו לעבן,
קענען מיר בלויז נאָכמאַכן דעם געיאָמער פון דעם ים.

דאָס געזאַנג פון יואנג

זו־זו, זו־זו,
זו־זו, זו־זו.
טרערן גיסן זיך ווי אַ וואַסערפאַל דורך יאָרהונדערטן פינף,
דורך יאָרהונדערטן פינף קאַפּען טרערן ווי טראָפּנס חלב פון
ברענענדיקע ליכט . . .

אונדזער זינלאָז לעבן
איז ווי אַ בייזער חלום אין אַ שוואַרצער נאַכט.
שלאָף איז דאָרט געווען פון פריער,
שלאָף וועט קומען אויך דערנאָך.
אונדזער זיין גייט־אויף ווי אַן איידעלער הויך
און וועט פאַרגיין ווי אין ווינט אַ רויך.
עס קומט ווי אַ ווינט און פאַרגייט ווי אַ פאַרע,
פריער מיט שלאָף און אויך דערנאָך.
און איצט — אינמיטן פון א לאַנגן שלאָף,
זיינען מיר ניט מער ווי די גרינגסטע פאַרע פון אַ רגע.

די פלאַמען פלאַמען־אויף,
עס פאַרשפּרייט זיך דער פאַרפום ;
עס דערנענטערט זיך די צייט,
די צייט פון אונדזער סוף.
אַלץ וואָס איז אַן אונדז און אַלץ וואָס איז אין אונדז —
זיי געזונט, אַ אלץ, ז י י ג ע ז ו נ ט !

דאָס געזאַנג פון דעם האָן

דער מאָרגן־שטראָם פליסט,
דער מאָרגן־שטראָם פליסט,
דאָס ליכט וואָס איז פאַרגאַנגען כוואַליעט זיך אין לעבן.

דער פרילינג־שטראָם פליסט,
דער פרילינג־שטראָם פליסט,
די וועלט וואָס איז פאַרגאַנגען כוואַליעט זיך אין לעבן.
דער שטראָם פון לעבן פליסט,
דער שטראָם פון לעבן פליסט,
דער טויטער פענג און יואַנג באַוועגן זיך ווידער.

דאָס געזאַנג פון פענג און יואַנג

און איצט אַז מיר זיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים,
און איצט אַז מיר זיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים,
לעבט דער יחיד אויף אין כלל,
לעבט דער כלל אויף אין יחיד.

מיר זיינען ער, זיי זיינען מיר.
איך בין אין דיר און דו אין מיר.
איך בין דו,
דו ביסט איך.
פייער איז יואַנג,
פענג איז פייער.
פלי, פלי!
זינג, זינג!

מיר זיינען לעבעדיק, מיר זיינען פריי.
מיר זיינען דערהויבן, אייביק זיינען מיר.
אַלץ אין איינעם איז אייביק,
דער איינער אין אַלץ איז אייביק.
דו ביסט אייביק, איך בין אייביק.
ער איז אייביק, פייער איז אייביק.
דו ביסט פייער.
איך בין פייער.
ער איז פייער.
פייער איז פייער.
פלי, פלי !
זינג, זינג !

מיר זינגען און מיר פליען,
מיר פליען און מיר זינגען.
דער איינציקער אין אַלץ זינגט תמיד ;
אַלץ אינאיינעם זינגט תמיד.
זינגסטו ? זינג איך ?
זינגט ער? זינגט דאָס פייער ?
געזאַנג זינגט !
געזאַנג זינגט !
בלויז געזאַנג !
בלויז געזאַנג !
זינגט !
ז י נ ג ט !

Kuo Mo-Jo

דאָס ליד פון דעם ווינט־גלאָק *)

אין זון־ליכט צי אין רעגן,
ווי די וואָלקנס אזוי גרינג ;
ווי אַ באַרג־גאָרטן פאַרוווינקלט :
דינג־דינג, דינג־אַ־לינג,אַ־לינג.

איך תפילה ניט צו ווינטן,
און אויך ניט צום גייסט פון בערג ;
כ'ציטער ווען די ווינטן בלאָזן,
ביז זיי טרעטן אָפּ פון וועג.

אָן צער און אָן ליידן,
אָט — אזוי זיך, סתם אָן פרייד ;
פון תמיד אַלט ביז תמיד,
אייביק יונג זיין — מיין באַשייד.

פון אַלטן טעמפל בין איך
דער ווינטן־גלאָק פון גלאָקן ;
ס'שמייכלט צו מיר די זון,
כ'וואַקס אין גאָלד אומדערשראָקן.

ס'וועט מיך אפשר גאָט צומאָל
פאַרשטומען דאָ אינגאַנצן,
וועל איך פליען אין הימל,
אַ שטערן זיין און גלאַנצן.

*) דער ווינט־גלאָק הענגט אין א פּראָמינענטן ווינקל אָדער באַם ראַנד פון די אַלטע טעמפּלען און פּאַגאָדעס (א טורעם־מעסיקע געביידע אָדער טעמפּל). אזוי גיך ווי דער ווינט באַוועגט עס, ציטערט עס אויף אין קלאַנגען. אין דער אַלטער כינעזישער דיקציע ווערט עס באַצייכנט מיטן נאָמען: „דאָס אייזערנע פערד".

Ch'en Meng-Chia